STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06009

VEY UN VANDER

Israel Aszendorf

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל אַשענדאָרף

ווײַ און וואַנדער

לידער

ביכער פון יידישן פען-קלוב
אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דער קולטור-אָפּטײלונג
ביים „דזשאָינט" אין פראַנקרייך

1950 פּאַריז

ISRAEL ASZENDORF

WEI OUN WANDER
DOULEUR SANS FOYER

POESIES

הילע און צייכענונגען פון די
ציקלען פון מאָלער ב ע ז.

PARIS 1950

IMPRIMERIE DE LA S.N.I.E.
32, rue de Ménilmontant — Paris-XXe

אין בוך קומען אַריין לידער, וואָס איך האָב מערסטנטייל געשריבן בעת און נאָך דער מלחמה. איך האָב אָבער אויך אַריינגעגעבן אַ געוויסע צאָל לידער אָנגעשריבענע פ אַ ר דער מלחמה, ווייל מיינע צוויי לעצטע ביכער זע-נען נישט צוגעקומען צום לייענער. דאָס פאַרלעצטע בוך „גרוסן אין דער ווייט" איז דערשינען עטלעכע חדשים פאַר דער דייטש-פוילישער מלחמה, און דאָס לעצטע „אָנונג און וואָר" — עטלעכע וואָכן פאַר דער דייטש-סאָ-וויעטישער.

אוודאי איז געוווּנטשן, אַז אַ מחבר זאָל אַרויסגעבן אַ בוך יעדעס מאָל, ווען ס׳קלויבט זיך דערצו אָן די געהעריקע צאָל לידער, (ווי אַ דיכטער זאָל נישט שרייבן לידער פאַר דער אַזוי גערופענער „אייביקייט", שרייבט ער זיי קודם-כל פאַר זיין צייט). איך האָב דידאַזיקע גלעגנ-הייט נישט געהאַט און דער לייענער וועט זיך ביי יעדן ליד מוזן אַריינפילן אין דער צייט, ווען ס׳איז געשריבן געוואָרן.

הגם די לידער זענען געשריבן געוואָרן אין משך פון צוואַנציק יאָר, האָב איך זיי געסדרט אין אָפּטיילונגען.

די, וואָס זענען אַלץ געבליבן „ווילדע״, האָב איך אַרומ-גענומען אין דער אָפּטיילונג „פון פאַרשידענע צייטן״.

אַסך פון מיינע לידער זענען געבליבן אינדרויסן. איך וועל זיי אַמאָל נאָך געבן אַ היים צווישן טאָוולען. איך וויל דאָ מזכיר זיין די פאַרלוירן-געגאַנגענע צוויי גרויסע פּאָעמעס: „איך לאַד אייך איין אויף אַ מאַסקנבאַל״ און „אוריאל אַקאָסטאַ״, און נאָך אַנדערע לידער, וואָס איך געדענק בלויז זייערע נעמען און אַזעלכע, וואָס איך האָב אַפילו זייערע נעמען פאַרגעסן.

די מענטשן, וואָס איך האָב פאַרלוירן, בין איך מזכיר אין לידער, וואָס קומען אַריין אין בוך.

ישראל אַשענדאָרף.

אותיות

די גאָטישע אותיות זענען שפּיציקע —
באַגנעטן, שפּיצרוטן און מעסערס.
לאַטיינישע אותיות זענען קיילעכדיקע —
מיט רויטן ווייַן געפּילטע פּעסער.
די יידישע אותיות — נישט קיין שכורע
פון יענעמס בלוט און נישט פון ווייַנען,
נאָר קאַנטיקע, פלעקלדיקע, הויקערדיקע,
ווי דאָס מזל פון פאָלק פון מייַנעם.

א לייטער שטייט ביים בוידעם

אַ לייטער שטייט ביים בוידעם און איך לויף
אַזויפיל מאָל אין טאָג צו אים אַרויף.
אַ נייע וועלט אַנטפּלעקט זיך פאַר מיין בליק:
אָט העגנען העמדער, האַנטעכער אויף שטריק.
אָט שטייט אַ קאַסטן פּסחדיק געשיר.
אָט לויפט אַ מויז און ס׳יאָגט אַ קאַץ נאָך איר.
אָט האָט די הון אין שטייג געלייגט אַן איי
און איך לויף שנעל אין גאַס אַראָפּ, כדי
די בשורה אָנצוזאָגן קינד און קייט.
און גייט אַ רעגן — שטיי איך, הער מיט פרייד,
ווי טראָפּן שפּרינגען, זינגען אויפן דאַך.
און וווּנדער נאָך אַסך, אַסך, אַסך.

נאָר ס׳טרעפט אַמאָל: איך ליג אין בעטל וואַך
און זע מיט שרעק אין חושך פון דער נאַכט,
ווי פון דער בוידעם-לייטער גייט אַראָפּ
אַן אַלטער שד מיט הערנער אויפן קאָפּ
און מיט אַ באָרד אַ רויטע ווי אַ בראַנד.
ער גיט אַ דריי דאָס שטעקעלע אין האַנט
און פּלוצעם שפּרינגט פון בוידעם אויף דער ערד
אַ מחנה שדימלעך מיט ציגן-בערד.
נאָך יעדן הענגט זיך אונטן נאָך אַן עק,
און יעדער האַלט די צונג אַרויסגעשטעקט.

זיי גייען צו מיין בעט צו און פֿאַר שרעק
איך צי אַריבער איבער מיר די דעק.
איך הער פֿון האַרצן יעדן קלאַפּ און שטויס:
באָך-באָך, באָך-באָך. אָט שפּרינגט עס מיר אַרויס!
און, פּלוצעם — טוט זיך אַ געשריי אַ ריס!
דער טאַטע וועקט זיך אויף און פֿרעגט: וואָס איז?
וואָס איז מיין קינד? וואָס איז מיט דיר געשען?
איך שטאַמל: שדים... זענען... דאָ... געווען...
דער טאַטע שטעלט אַראָפּ די פֿוס פֿון בעט:
— אַ בחור שוין — און שרעקט זיך פֿאַר אַ שד!
ער נעמט און טראָגט מיך אין זיין בעט אַריין,
איך טוליע זיך צו אים און שלאָף באַלד איין.

דער פרימארגנגאנג פון מיין מאמען

האָט װער געזען מיין מאַמען גיין אין קראָם פון שפּייז
צו קויפן ברויט, קאַרטאָפל, קאַשע, אָדער רייז?
ס׳האָט קיינער נישט געזען, ווייל ווער וועט בלייבן שטיין
און קוקן אויף אַ יידענע — בלויז הויט און ביין.
און ווייל איך וויל איר זאָלט געדענקען זי אויף לאַנג,
וועל איך, איר זון, באַשרייבן איר פרימאָרגנגאַנג.

די מאַמע גייט אין קראָם פון שפּייז און קלערט פאַרזאָרגט
מיט וואָסער תירוץ ווידער נעמען דאָרט אויף באָרג.
עס האָט דער קרעמער נעכטן נאָך געוואָרנט זי,
אַז אָן קיין געלט זאָל זי נישט קומען אינדערפרי.
און הייסן הייסט עס: מער נישט וויסן פון קיין זעט,
די שאַנק פאַרקויפן און די דעקן פונעם בעט.

טאָ דרייט זיך, דרייט זיך אַלץ די מאַמע פאַר דער טיר.
מיר דאַכט: אַ רגע און זי גיט אויף אַלע פיר
אַ רים זיך ווי אַ חיה אין דער קראָם פון שפּייז
און אַלץ צערייסט זי דאָרט אויף שטיקער און צעבייסט.
נאָר ס׳האַלט די מאַמע זיך מיט אַלע כוחות איין,
זי גייט בלויז נענטער צו דער קראָם און קוקט אַריין.

זי זעט: דער ליטער שטייט זיך שכור, אָנגעזויפּט.
עס טאַנצן פריילעך וואָגשאָלן אַראָפּ-אַרויף.
און טראַכט: אַ קאַלטע קיך, פּאַרטרוקנט הענגען טעפּ,
פינף מענטשן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.
און זאָגט: איך וועל אַריין אין קראָם און פּרוון גליק.
זי טוט אַ לאָז זיך צו דער קראָם — און גייט צוריק.

זי גייט צוריק אַהיים, זי איז שוין אויפן הויף.
זי גנבעט זיך ביז אונזער וווינונג שטיל אַרויף.
דאָ בלייבט זי שטיין, לייגט צו אַן אויער צו דער טיר
און הערט אַ הונגעריק געוויין פון מענטש, געשיר.
נאָך שווערער ווערט דער קאָפּ און טריבער נאָך דער בליק —
מיין מאַמע גייט שוין ווידער צו דער קראָם צוריק...

נ אָ כ ר ו ף

דו, דורכגייער, וואָס טרעפּסט אויף אונזער גאַס גאָר פרי
אַ פרוי אַ בלייכע — ווייס: מיין מאַמע דאָס איז זי.
און כאָטש זי האָט אַ פּנים, ווי זי וואָלט געהאַט
בדעה צו באַגיין אַ שרעקלעך-שווערע טאַט,
איז זי איצט גרייט צו באָרגן בלויז אַביסל שפּייז:
אַ לאַבן ברויט, אַ פונט קאַרטאָפל, אָדער רייז...

דערציילט די מאמע

...איך קום איצט, קינדער, פונעם מאַרק אין שטאָט.
איר האָט נישט היינט געזען דעם מאַרק — אַ שאָד!
אי פלייש, אי פיש, אי גרינסן, אויבסט, געבעקס,
און אַלץ איז פריש און אַ מחיה שמעקט.
ס׳איז, דאַכט זיך, דאָ פאַר אַלעמען גענוג,
נאָר איך — איך שטיי, אַ גולם, און איך קוק.

קוים קויף איך הערינג, וועט נישט זיין אויף ברויט.
און קויף איך לונג, טאָ סטייעט נישט אויף קרויט.
ס׳האָט גיטעלע אַ לעבערל געוואָלט
און בערעלע — אַ פישעלע פון גאָלד.
(ווי זיי, קיין עין הרע, זענען קלוג!)
נאָר איך — איך שטיי, אַ גולם, און איך קוק.

אַ באַלעבאָסטע שטופּט זיך אין געדראַנג:
— איר שטייט אינמיטן וועג און שטערט דעם גאַנג!
עס בייזערט זיך אַ ייד און שרייט און שעלט:
— עס האָט מיין קראָם די יידענע פאַרשטעלט!
זיי האָבן אין אַ זייט מיך אָפּגערוקט,
נאָר איך — איך שטיי, אַ גולם, און איך קוק.

אין באַלעבאָסטעס טאַשן שטאַרבן שטום
די פֿיש, און אויך דער זומער קומט דאָרט אום
מיט עפּל, באַרן, קרויט און פּאָמידאָר.
ס׳איז די ירושה פֿונעם זומער נאָר
פֿאַר זייער זאַק, פֿאַר זייער סלוי און קרוג.
נאָר איך — איך שטיי, אַ גולם, און איך קוק.

און פּלוצעם קומט מיט אַ וואַזאָנע ווער.
נישטאָ קיין אויבסט, קיין פֿלייש — איך טראַכט נישט מער
און קויף באַלד די וואַזאָנע ביי דעם ייד.
איצט זעט, ווי שיין און הויך זי איז צעבליט!
נאָר קינדער מיינע, זאָל שוין זיין גענוג —
איר שטייט אַזוי ווי גולמס און איר קוקט...

דער קראַנקער טאַטע און זײַנע נײַע שיך

ס׳האָט לעבן מיטן טויט געפירט אַ קריג
אין טאַטנס ברוסט. דעם טאַטן האָט געשטיקט.
ער האָט אין שפּײַקעסטל געקוקט, געוווסט:
ס׳ליגט אויסגעשפּיגן אויפן זאַמד זײַן ברוסט.
האָט אָפּגעטון זיך פון דער שטוב די שײַן.
פאַרשווונדן זענען בעבערלעך פאַר ווײַן
און פלעשלעך מיט רפואות זיך געמערט.
קוים האָט זיך פון אַ קינד אַ לאַך געהערט —
דעם טאַטנס בליק ווי גלאָז זיך שטעכט אַרײַן,
צעשנײַד דעם שמייכל פונעם קינד אויף פּײַן.

און ווי ס׳האָט לעבן מיטן טויט געשטרײַט
אין טאַטנס ברוסט, האָט זיך אין יענער צײַט
געפירט די פרילינג מיט דער ווינטער-שלאַכט,
בײַטאָג — אַ רעגן און אַ שניי — בײַנאַכט.
די פוילע נעץ אין אַלע אברים קריכט
און קיינער נישט פון אונדז האָט גאַנצע שיך.
די מאַמע דאַרף אין קראָם גיין אינדערפרי
און שפּעטער גייט דער ברודער צו דער מי.

נו מילא, ס׳איז דער טאַטע סײַווי קראַנק,
מען וועט די שיך אַ נעם-טון אויף אַ גאַנג.

דער ברודער גייט צום בעט. אַ שטילער שאָרך.
דער טאַטע, מיט פאַרמאַכטע אויגן האָרכט
און שעפּטשעט, ווי ער וואָלט געבעטן זיך:
— לאָזט ליגן... כ׳וועל נאָך דאַרפן... מיינע שיך...

דער טאַטע האָט געקלערט: ער וועט, ער מוז
נאָך ווידער זיין געזונט אין זייער זכות.
ס׳וועט יעדער שיך צו גאָט זיין אַ שליח.
נאָר אויב, חלילה, טרעט ווער אויס די שיך —
איז ער שוין אַ פאַרלוירענער, און וועט
נישט מער אַראָפּשטעלן אַ פוס פון בעט.

...און איצטער איז דאָס בעט פון טאַטן פּוסט.
ס׳האָט טויט באַזיגט דאָס לעבן אין זיין ברוסט.
דערפאַר אין גאַס האָט פרילינג, ווי אַ העלד,
באַזיגט דעם ווינטער. פּסח אויף דער וועלט!
איך טראָג דעם טאַטנס שיך. זיי זענען גרויס.
די מאַמע אָבער זאָגט: אַ קינד וואַקסט אויס!

מיר זענען קינדער געווען

אַמאָל... אַמאָל... מיר קינדער האָבן שטיל געחלומט
פון אַזאַ זומער, וואָס זאָל נאָכאַנאַנד זיך ציען.
אַז שטענדיק זאָלן וואַקסן קאַרשן, עפּל, פלוימען
און די אַקאַציעס און ליפּעס זאָלן בליען.

ביז איינמאָל האָבן מיר אַזוי בסוד באַשלאָסן,
אַז שוועבעלעך זאָל נעמען יעדער ביי זיין מאַמען.
מיר וועלן זיי צוזאַמען אָנצינדן אין דרויסן,
כדי דעם שניי, דאָס אייז, צעלאָזן מיט די פלאַמען.

און ס'איז געווען אַ נאַכט אַ פינצטערע, אַ קאַלטע,
דריי קינדער האָבן נישט געוווסט פון קיין סכנה.
געצונדן שוועבעלעך, זיי אין דער לופטן געוואָרפן
און אויסגעברענט פיל לעכער ביי דעם פראָסט אין פנים.

אין די פאַרמאַכטע שטיבער, יעדער ביי זיין הרובע,
עס וואַרעמען זיך די דערוואַקסענע, די גרויסע.
דריי קינדער ווילן אָבער אין אַ פראָסט פון ווינטער
זאָל וואַרעם ווערן אויך אין יעדן איינעמס דרויסן.

און זאָל אַפילו גאָט זיין ברוגז, ווייל זיי ווילן
דעם סדר זייַנעם בייטן, ווי ער וואָלט נישט טויגן.
די שוועבאַלעך — זיי ברענען אין די הענט פון קינדער,
די שוועבאַלעך — זיי ברענען אין די קינדערס אויגן.

נאָר די זאַוויערוכע, זי וויל נישט ווערן שטילער,
און ס׳וויל דער פראָסט נישט ווערן כאָטש אַביסל גרינגער.
אויב ס׳וועלן אויסגעלן די שוועבאַלעך אין שאַכטל —
זיי וועלן אָנצינדן אפילו אויך די פינגער!

צי האָבן מיר דאַן אויפגעוואַרעמט יענעם דרויסן?
איך קען זיך נישט דערמאָנען. אָבער איך קען שווערן,
אַז שענער ווי מיר האָבן שוועבאַלעך געצונדן —
עס צינדט נישט גאָט אַפילו זיינע שענסטע שטערן!

דער פארלוירענער באלעם

און ווי איז פֿאַרשוווּנדן דער באַלעם ?
געשפּילט מיט אים האָבן ערשט אַלע.
ער איז אין די הענט זיי געלעגן
און אָט זיך געקייקלט אויף וועגן.
נאָר פּלוצעם — אַ פּלי ווי אַ פֿויגל —
פֿאַרשוווּנדן פֿון אַלעמענס אויגן !

און וווּ איז פֿאַרשוווּנדן דער באַלעם ?
ס׳ווייסט קיינער נישט וווהין פֿאַרפֿאַלן.
איז אפשר אַ פּלויט ער אַריבער ?
אַ דאַך פֿון די נאָענטע שטיבער ?
צי גאָר אויף אַ בוים אין די בלעטער ?
העי יאַטן, אַרויף צו אים קלעטערט !

עס זוכן די קינדער דעם באַלעם,
דערווייל איז די נאַכט צוגעפֿאַלן.
זיי זענען שוין מיד פֿון דעם יאָגן.
דער הונגער די הערצלעך נעמט פּלאָגן.
נאָר וואָס איז געשען דאָ אַצינדער ? —
עס זעען פֿאַרוווּנדערט די קינדער :

דער באַלעם איז צווישן די כמאַרעס !
ער ברענט און גייט אונטער אין מערב.
זיי האָבן געוואָרפן דעם באַלעם,
איז גאָט אויך געוואָרן אַ בעלן
און האָט אים געכאַפּט צו זיך אויבן.
ס'וויל גאָט שוין אינגאַנצן אים רויבן !

אַ קינד וויינט מיט ביטערע טרערן :
— כ'האָב מורא אַהיים זיך צו קערן.
דער טאַטע וועט מוסר מיר זאָגן
און וועט מיט דעם רימען מיך שלאָגן.
גיב גאָט מיר צוריק אָפּ דעם באַלעם !

ער וויינט. מיט אים וויינען מיט אַלע .

קינדהייט

איך בין שוין קרוב צו די דרייסיק יאָרן
און שווער קומט אָן מיר ברענגען אין זכרון
צוריק מיין קינדהייט. קומט זי אויף אַ רגע
ביינאַכט, אין שלאָף, פון ווייטע וואָגל-וועגן —
איך נעם זי אויף מיט שמחה ווי אַ שטומער
צו וועמען ס׳איז דאָס קול צוריקגעקומען.

נאָר ס׳לעבט מיין מאַמע נאָך די גוטע, אַלטע.
מיין קינדהייט ליגט ביי איר אין האַרץ באהאַלטן,
איז גיי איך צו דער מאַמען מיט וויזיטן.
דאָרט ווערט מיין לעבן וואונדערלעך געביטן:
זי האָט, אלס קינד, דאָס וואַקסן מיך געלערנט,
דערוואַקסן — פירט זי מיך אַ קינד צו ווערן.

נאָר היינט, אין טריבן אָסיען-טאָג, אין רעגן,
האָב איך אין גאַס אַ קינד אַ קליינס באַגעגנט.
די אויגן — רויט-פאַרוויינט, די באַקן בלאַסע.
עס האָט פאַרבלאָנדזעט איבער פרעמדע גאַסן.
געבעטן זיך אַהיים אים אָפּצוטראָגן,
נאָר נישט געוווסט מיר די אַדרעס צו זאָגן.

און איך, וואָס בין געגאַנגען צו דער מאַמען —
בין שטיין געבליבן. כ׳האָב שוין באַלד פאַרשטאַנען
פון דער באַגעגעניש דעם סוד און סימן:
כ׳וועל מער ביי איר די קינדהייט נישט געפינען.
די טיר, וואָס זי האָט מיר אַהין געעפנט,
איר ציטערדיקע האַנט, וועט מער נישט טרעפן.

די קינדהייט וואַלגערט זיך אויף אַלע ערטער,
זי זוכט ביי מיר אַ שויץ און וואַרמע ווערטער.
זי וויל נישט מער באַווייזן זיך צעשווימען
אין אָוונט, דורך דער מאַמעס מידער שטימע,
נאָר וויל פֿרימאָרגן הייבן אין דער לופטן
אַ קעפּל פון אַ קינד און מיך אַ רוף-טון:
טאַטע!



אַ לויב דער שוואַלב

האַרבסט

דער טריבער רעגן שרייבט מיט שריפט מיט קרומער
אויף געלע בלעטער: ס'איז אַוועק אַ זומער.
דער ווינט מרגלט יעדע טיר און פנים.
די מענטשן טראָגן שירעמס — שוואַרצע פאָנען.
די זומער-שפּע ליגט אין זעק און סלויען,
אין אַלבום — שיינקייט פון נאַטור און פרויען.

א לויב דער שוואַלב

אָ שוואַלב, כ׳וויל זינגען דיר ׳אַצינד אַ שבח;
דער אָדלער זוכט זיך צווישן פעלזן רו.
די נאַכטיגאַל — אויף בוים און קוסט, נאָר דו —
אונטער אַ מענטשלעכן דאַך.

דו פליסט אַוועק אין האַרבסט ווי נאָך אַסך,
נאָר פון דער ווייט צוריק ׳אַהיים דו בענקסט
און אויף די פליגל אונדז דעם פרילינג ברענגסט
אונטער אַ מענטשלעכן דאַך.

אויך איך, ווי ווייט זאָל פירן מיך דער שליאַך:
אין פעלד אַריין, אין וואַלד, אויף באַרג, צי טאָל.
מיך ציט עס שטענדיק נאָך און נאָכאַמאָל
אונטער אַ מענטשלעכן דאַך.

בערג

עס האָבן זיך אַצינד די בערג, די ריזן,
גאָר אַנדערע ווי תמיד מיר באַוויזן.

אַרום איז גרין אויף וואָס די אויגן קוקן,
נאָר זיי — זיי טראָגן שניי אויף זייער רוקן.

זיי זענען שוין נישט מער קיין שטיינער-דומם,
נאָר ליכטע, לויזע הענגען זיי אין רוימען,

ווי אויסגעאָטעמט וואָלט זיי ערד צום הימל
און וועלן מיט די וואָלקנס באַלד פאַרשווימען.

אין די בערג

איך האָב געמיינט: דער הימל האָט קיין סוף,
נאָר כ׳בין אָן פליגל איצט צו אים אַרויף.

איך האָב געמיינט: נאָר איך אַליין בין דער,
וואָס ברענגט אין ליד דעם הימל צו דער ערד.

און ס׳בינדן זיך אין אים צונויף דערפון
די שטערן מיט קאַרטאָפל, ברויט מיט זון.

איצט זע איך: מער ווי אַלע שענסטע ווערק,
פאַרבינדן הימל מיט דער ערד די בערג.

פון בערג אַ פאַרע שטייגט — אַ ווייסער רויך,
באַהעפט זיך מיט די וואָלקנס אין דער הויך.

און אַליץ אַרומגעהילט אין וואָלקנס ווערט,
דער הימל הייבט זיך אָן שוין ביי דער ערד.

בחינם האָבן פרומע אויסגעקלערט
אַ גרענעץ צווישן הימל מיט דער ערד —

מיט שיך און פאַק, מיט גאַנצן האָב און זיין,
בין איך אין הימל לעבעדיק אַריין.

אַלס קינד, אין שול, אין דער כל נדרי-שעה,
האָב איך נישט גאָט אַזוי געפילט ווי דאָ.

צו די בערג

איך האָב זיך צו די בערג אַזוי געווענדט:
— אָ בערג! נאָך וואַנדערונגען אָן אַ שיעור
און לאַנגען מאַטער, איז געלונגען מיר
אַנטלויפן פון דער זאָרגס צעקנייטשטע הענט.

זי האָט מיך אָבער אינעם צוג דערקענט,
די סטעזשקעס דאָ אַהער שוין אויסגעשפּירט.
אָ, שטעלט אַוועק זיך צווישן מיר און איר
און היט און שיצט מיך, ווי מיט פעסטונג-ווענט!

עס האָבן דורכן טאָג די בערג געוואַכט,
נאָר ס'האָט די זאָרג אָן אָפּרו איבער נאַכט
געגראָבן אונטער בערג זיך אַ טונעל.

און אינדערפרי, ווען כ'האָב פון שלאָף דערוואַכט,
איך גאַנצער ברייט דעם טויער אויפגעמאַכט,
איז שוין די זאָרג געשטאַנען אויף דער שוועל.

צו אַ ביימעלע

ס'איז הײַנט אַ טאָג פון האַלב אָקטאָבער,
נאָר ס'איז נאָך וואַרעם ווי אין מײַ.
אַ ביימל בעז שטייט נאַקעט, אָבער
איז גרייט צעקנאָספּן זיך פונטנײַ.

אָ ביימל קליינס, ס'איז אַן עבירה!
ס'איז אויף אַ טאָג צי צוויי מסתם.
אָט שיט אויף דיר דער הימל שטערן,
אָט טריפט ער שוין מיט טריבן סם.

און ס'שושקעט דיר דער ווינט אין אויער
אַזויפיל ליב און גלעט דיך מילד.
נישט גלייב זײַן ליבע, קורץ זי דויערט!
אָט וואָיעט ער און שמייסט דיך ווילד.

דו וועסט פאַרלירן לעצטע בלעטער
און קומען וועט אַזאַ מין שעה:
אַ ליבער גאַסט נאָך ווערן וועט דיר
אין עלנט — אויך אַ שוואַרצע קראָ.

נאָר אין דער צייט פון גרויסע ווייען
אין נײַעם פרילינג נישט פאַרגעס.
און אונטער לאַסט פון ווייסע שנייען
טראָג אויס דעם בלאָען טרוים פון בעז.

וואַסערפאַל און באַרג

דער מענטש פאָטאָגראַפירט זיך ביים וואַסערפאַל אין טאָל. אויפן באַרג צווישן די פעלזן. ער וויל צוזאַמענבינדן זיין פאַרגענגלעכקייט מיט וואַסער און באַרג.

דער וואַסערפאַל ווערט קיינמאָל נישט מיד אין זיין באַוועגונג: ער וואַרפט זיך קאַמפסלוסטיק אויף די פעלזן, שוימט פאַר כעס, פאַרכלינעט זיך פאַר פרייד און ברילט פאַר נצחון.

דער באַרג ווערט קיינמאָל נישט אויפגערייצט פון זיין פאַרגליווערונג: זאָלן רעגנס גיסן, זאָלן שנייען פאַלן, זאָלן ווילדעווען שטורעמס — רואיק שטייט ער, מעכטיק אין זיין שווייגן, ווי אַ דענקמאָל פון אייגענער גבורה.

שרייט דער מענטש: גיב מיר דיין אימפעט, וואַסערפאַל!

בעט זיך דער מענטש: גיב מיר דיין רו, באַרג.

נאָר דער וואַסערפאַל ווייסט נישט פון שענקען און אַוועקגעבן. ער איז געוואוינט אַלץ צו פאַרגיסן, מיטרייסן און מיטנעמען.

און דער באַרג פרעגט: וואָס זוכסטו אויף מיינע מעכטיקע, ריזיקע פלייצעס? רו? — דיר גיט בלויז רו אַ קליין בערגעלע ערד.

דער פארדארטער צווייג

וואָס זאָגט איצט דער פאַרדאַרטער צווייג,
אין וועמען פרילינג האָט פאַרגעסן?

ער הענגט פאַרגליווערט און ער שווייגט,
נישט העלפן וועט שוין מער קיין נס אים.

נאָר שטיל אין זיך ער טרייסט געפינט:
— איך קען דאָך ווערן נאָך אַ שטעקן.

און העלפן וועל איך אַ מענטש וואָס בלינד
צו טאַפּן ס׳פּנים פון די שטרעקעס.

און קומט מיר אויס צו זיין פאַרלענדט,
צו ברענען אויף דעם פייער-שייטער —

מיין וואַרעם וועט אַריין אין הענט,
אין מענטשנס הענט צו לעבן ווייטער.

נאָר יענע צווייגן וואָס צעגרינט,
זיי קלערן איצט פון גאָלע גאָרנישט.

זיי קושן זיך מיט יעדער בין
און טוען אַלצדינג וואָס מען טאָר נישט.

זיי מיינען, אַז דער צווייט אָט דער,
וועט אייביק שוין אויף זיי דאָ הענגען.

און זענען נישט מחויב מער
קיין פּרוכטן אויף דער וועלט צו ברענגען.

דו

דו, וואָס גיסט יעדער מין פּרי איר אויסזען:
די פלוים זאָל זיין גרעסער פון ווײַנשל און גרעסער פון ביי-
דע — דער אַבריקאָז.
דער עפּל זאָל קיילעכדיק זיין און די באַר זאָל פון אונטן זיין
ברייט און אַרויפצו וואָס שמעלער —
דו גיב אויך די פאָרעם מיין ליד.

דו, וואָס גיסט יעדן אַן אייגענע שטים:
דער וויכער זאָל רוישן נאָך שטאַרקער פון ווינט און פיל
שטאַרקער פון ביידע — דער שטורעם.
די כמאַרע זאָל דונערן הויך און שטיל מורמלען דער קוואַל —
דו גיב אויך דעם ריטם מיין ליד.

דו, וואָס גיסט יעדער מין בריאה איר ווער:
דעם אָדלער — די נעגל און שנאָבל, דעם עלפאַנט — זיין שנוק.
דעם וואָלף — זיינע ציין און דעם יעזש — זיין פאַנצער —
דו גיב אויך דעם כח מיין ליד.


פֿון פֿאַרשידענע צײַטן

דער אטעם

דער אָטעם — ווי אַ מענטש אַ שטילער,
וואָס קומט צוגיין צו דיר אין הויז.
ער גייט אַריין און גייט אַרויס
און דו באַמערקסט אים נישט אַפילו.

נאָר איצט, ווען ס'האָט דער פראָסט פאַרצויגן
דעם ווייסן טויט אויף טייך און וואַלד
און וויל מיין האַרץ אויך מאַכן קאַלט —
דערזען האָב איך אים פאַר די אויגן.

אָ אָטעם! כ'לאָז דיך אין דער רגע
דעם קאַלטן פראָסט און טויט אַקעגן —
איך האָב געזיגט: איך לעב, איך לעב!

ווי אַ נצחון-צייכן שוועב!
עס וועט דעם טויט נישט גרינג געראָטן —
כ'וועל קעמפן ביז דעם לעצטן אָטעם!...

חגא אין שטאט

ס׳איז חגא היינט אין שטאָט.
אַן אינדערפֿרי, אַ לעמעלע, איצט שטייט און קניט פֿאַר גאָט.
די קלויסטערס — שיפֿן אויף אַ בלאָען ים פֿון פֿרום געזאַנג.
די מוטער מאַריע שטייט אין קלויסטער און עס טוט איר באַנג
פֿאַרוואָס איר יעזוסן אין ווייסע ווינדלען האַלט זי בלויז
און קען נישט נעמען אַלע גאַסן-קינדער אויף איר שויס.
אַלפֿאָנסן פֿילן, אַז דאָס געלט, ווי יודאַשן, זיי ברענט.
ביי די חזירים-קיילערס ווערן בלייך די רויטע הענט,
און איבער יעדנס קאָפּ צעשטראַלט זיך אַזאַ הייליק ראָד,
ווייל היינט איז חגא אין דער שטאָט.

ס׳איז חגא היינט אין שטאָט.
אַן אָוונט, ווי אַ שוואַרצער אָקס צעווילדעוועט זיך האָט.
אין שענק איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה מיטאַמאָל,
מען האָט שוין צוויי אַוועקגעפֿירט צעבלוטיקט אין שפּיטאָל.
פֿיר זעלנער האָבן זיך אַ זעכצניעריקע באַשטעלט,
זיי ווילן גיין צו איר צוזאַמען, איינצושפּאָרן געלט.
אַראָפּגעפֿאַלן איז אַ שיכור אינעם וואַסער פֿון דער בריק,
און איינער האָט זיין שוואַנגער ווייב אין גאָס אַראָפּגעשיקט —
אויף איר אַפֿילו קענען טרעפֿן זיך בעלנים גראָד,
ווייל היינט איז חגא אין דער שטאָט.

דער נייער מענטש

אין שענק. פיר מענטשן ביי אַ טיש. די צוועלפטע שעה.
דער זייגער קלינגט : אַ שריפה ! ס׳איז קיין הילף נישטאָ.

זיי עמעץ וואַרפט אַ קעצל אין אַ טייך אַריין,
זיי ווילן איצט דערטרינקען זייער וויי אין ווין.

זיי טרינקען. טרינקען אויס אַ גלאָז און נאָך אַ גלאָז,
ביז ס׳ווייזט זיך ביי דעם טיש דער שענקער-באַלעבאָס

און זאָגט אַזוי : איך בעט נישט לאַכן, מיינע פריינט,
איך שלאָג אייך פאָר צו מאַכן איצט אַ מענטש פון היינט !

פיר מענטשן הייבן אויף די פולע גלעזער ווין
און שרייען : בראַוואָ ! בראַוואָ ! ס׳איז דער פאָרשלאַג פיין !

דער ערשטער גיט זיך גלייך פאַר אַלע אַ פאַרנויג :
איך שענק אַצינד דעם נייעם מענטש פון גלאָז מיין אויג !

דער צווייטער זאָגט : אויך מיין מתנה איז נישט קליין :
איך שענק דעם נייעם מענטשן מיינע פאַלשע ציין !

דער דריטער זאָגט : זאָל יעדן איינעם זיין באַקאַנט :
איך שענק אַצינד דעם נייעם מענטש מיין גומע-האַנט !

דער פערטער זאָגט : הערט אויך פון מיר אַ גוטן גרוס :
איך שענק אַצינד דעם נייעם מענטש פון האָלץ מיין פוס !

דער שענקער שרייט : און איך — איך שענק אים עפּעס אויך :
איך שענק דעם נייעם מענטש מיין פּעטן, רונדן בויך :

פיר מענטשן הייבן אויף די פולע גלעזער ווייַן
און שרייען אויס : אַ מענטש ! אַ נייער מענטש זאָל זיין !

און פלוצעם רייסט זיך איבער אַלעמענס געשריי —
שוין שטייט דער נייער מענטש אַ פאַרטיקער פאַר זיי !

די פינף, זיי ציטערן פאַר עקל און פאַר שרעק :
— ווי טרייבן מיר פונדאַנען דאָס געשפּענסט אַוועק ? !

זיי וואַרפן זיך אויף אים ! זיי וואַלגערן אים אום;
אין אים צו טייטן אייגענעם אַנטפלעקטן מום.

נאָר לאָזן באַלד אַראָפּ פאַרשעמט די הענט און בליק —
עס האָט דאָך איינער גאָר דעם אַנדערן געשטיקט !

פינף מענטשן זיצן שטיל, די קעפּ צום טיש געזונקען
און וויינען אויס דעם ווייַן, וואָס האָבן ערשט געטרונקען.

דאס קעצל און די מילב

דער זיבעטער אַפּריל.
אין פענצטער פון אַנטיקוואַריאַט
אַ קעצל זיצט זיך שטיל
און לאָזט זיך צערטלען פון
דער זון.

די מילב אין ביכער שלייכט.
די ביכער זענען אַלט און קאַלט
און געל און פייכט.
זי ליגט זיך און זי קוויקט זיך:
אוי, וויפל חכמה,
אוי, וויפל גבורה
און וויפל קדושה
אין יעדן בלאַט!

זי זאָגט און נאָגט און קען נישט,
קען נישט ווערן זאַט.

דאָס קעצל אָבער
זיצט רואיק און בנעימות-זים.
די אייגעלעך פאַרמאַכט
און אונטער זיך די פיס.
נאָר פּלוצעם עפנט עס דאָס מויל,
עס גיט אַ גענעץ
און זאָגט זיך פויל:

אוי מילב, דו נאַר !
איך גיב אַיעדן וועך עס וויל
די חכמה, גבורה, קדושה
פון אַלע ביכער — פֿאַר
אַ שטראַל אַ וואַרעמען
אין זיבעטן אַפּריל.

רעקאנוואלעסצענט

אָ מענטש! אָ זון! אָ בוים!
איר זעט: ער שלעפּט זיך קוים
צום ערשטן מאָל אַרויס אין גאַס —
נעמט אויף איִם ווי עס פּאַסט.

ווייל אויף זיין קראַנקנבעט,
האָט ער אין היץ פון אייך גערעדט.
און שטיל געבענקט, געטרוימט
צו מענטש, צו זון און בוים.

ער האָט געלאָזט זיך אין שפּיטאָל
דעם קערפּער שניידן. וויפל מאָל
געפּלאָגט דעם גוף מיט נאָדל-שטעך.
געבאָדן זיך דורך לאַנגע נעכט
אין הייסן און אין קאַלטן שווייס.
און אַלץ דערפאַר נאָר בלויז,
ווייל ער האָט אייך געליבט גאָר הייס!

איצט, ווען ער איז אַרויס
נאָך לאַנגן שטרייט פאַר אייך —
באַווייזט, אַז איר האָט אים געדענקט.
אַז איר האָט שטאַרק נאָך אים געבענקט.
באַגריסט אים און באַשענקט
אים רייך!

פּאַררויטל ,זון, זיין בלייך געזיכט,
אין זיינע אויגן גיב דיין ליכט.
זיין גוף, וואָס האָט געפילט אין זיך
דעם גליווער פונעם סוף —
דערוואַרעם און לעב-אויף !

נעם, בוים, פון צווייג און קוסט
און גיב אים אָטעם אין זיין ברוסט.
דיין זאַפט אים גיס אין בלוט
און זאָל עס ווידער רוישן גוט.

און מענטש — דו האָסט צוריק אַ מענטש.
עס זאָל זיין קומען זיין געבענטשט !
עס וועט דער נייער גאַסט
די שווערע לעבנסלאַסט
דיר העלפן טראָגן פון אַצינד.

עס איז דאָס טאַטע-מאַמע קינד
געשטאָרבן אין שפּיטאָל.
נאָר ס׳האָט צו אייך דער טרוים
געבוירן אים צום צווייטן מאָל.
אָ מענטש און זון און בוים,
ווי טאַטע-מאַמע נעמט אים אויף.
איך ווינטש אייך מזל-טוב !

בערד

מײַן זיידע, מײַן טאַטע, מײַן פֿעטער,
זענען געווען פֿאַרוואַקסן מיט בערד,
ווי אַלטע דעמבעס מיט בלעטער.

האָט ווער באַהאַלטן דעם צער פֿון האַרצן
הינטער זײַן באָרד דער שוואַרצער.

האָט ווער פֿון זיי זײַן ליבע פֿאַרפּלאָנטערט
הינטער זײַן באָרד דער בלאָנדער.

האָט ווער פֿון זיי זײַן צאָרן פֿאַרטרויט נאָר
הינטער זײַן באָרד דער רויטער.

צער, ליבע און צאָרן,
האָבן אין זייערע בערד גענעסטעט,
ווי שטורעמס אין וועלדער פֿאַרפֿרעסטע.

נאָר מײַן פּנים — יעדער געפֿאַר אַקעגן.
קומען צער, ליבע און צאָרן
און שניידן אויף אים זיך וועגן.

אַזוי שטיי איך פֿרײַ פֿאַר יעדער סכּנה,
מיט מײַן צער, ליבע און צאָרן
אויף מײַן אָפֿענעם פּנים.

הערשעלעס געבוירן

פון דער פּאָעמע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער״.

די מאַמע פלעגט פאַר שכנים זיך באַקלאָגן:
דאָס אַכטע מאָל, אַז זי פאַרגייט אין טראָגן,
נאָר דאָס וואָס איצט, איז נאָר צום איבערראַשן.
בעת דעם טראָגן ווילט זיך זויערס נאַשן —
אַן אוגערקעלע, אַ ציבעלע, צי קרויט אַביסל,
נאָר איר — כאָטש זיסע מייערן דערלאַנג אַ שיסל.

און אָט: געקומען איז די צייט פון האָבן,
אַרום איר בעט — די ווייבער און די באָבע
שוין גרייטע דאָס געוויין פון קינד צו הערן:
איי-איי, איי-איי, ביי דעם געבוירן ווערן.
נאָר מיטאַמאָל: כי-כי, כי-כי — אַ לאַכן,
די ווייבער פאַלן שיר אַוועק פאַר פּחד.

וואָס איז דאָס פאַר אַ קינד, געוואַלד געשריגן!
נישט אַנדערש, ס׳מוז אין אים אַ דיבוק ליגן.
די „גוטע יידן״ גיבן אים קמיעות,
די זנאַכערס, הענגען אויף אים אָן מטבעות,
און אויף אַ „גוט-אויג״ לעשט מען אָפּ אים קוילן —
נאָר קיין רפואה קען מען אַלץ נישט פועלן.

די מאַמע קען דאָס חולאת נישט ראָטן,
זי נעמט פאַר אים מילוטין-מיציקוטין.
זי קאָכט אים קרייטער-וואָרצלען און געשירן,
זי נעמט זיין גוף מיט זאַלבן רייבן, שמירן.
נאָר פון אַ הילף איז נישט צו זען אַ צייכן —
פון הערשלס פנים נישט פאַרשווינדט דער שמייכל.

עס האָט די מאַמע קיינמאָל זיך געשראָקן,
אַ קינד מעג מאָזלען, מעג אַ קינד אויך פּאָקן,
צי שאַרלאַך, די „ענגלישע קרענק" אַפילו —
מיט אַלץ געפּרוווט און קעגן אַלץ אַ סגולה.
נאָר איצט, מיט אים — געדעכט עס זענען שכנים:
— אַ זקן — הוסטן און אַ קינד — דאַרף וויינען.

נאָר הערשל וויל נישט וויסן און נישט פילן,
ער וויל נישט מער, רק שפּילן זיך און שפּילן.
ער לויפט נאָר, יאָגט אַרום פאַרשייט אינדרויסן
און טוט אַפּ שפּיצלעך, קרימט זיך נאָך די גרויסע.
זיין מאַמע קלאָגט און זי באַוויינט איר דאָליע,
מיט הערשלען פרייט זיך אָבער — אַסטראָפּאָליע.

הערשעלעס טויט

ס׳איז הערשלס הויזגעזינד געשטאַנען שטומע, בלייכע.
זיי האָבן זיך געטראַכט: צי וועט דאָס געלע פּנים
זיך ווידער נישט צעשיינען מיט אַ נייעם שמייכל
און הערשל וועט אַ זאָג־טון: כע־כע־כע, נאַראָנים!
איר האָט געמיינט, אַז הערשעלע האָט נאָכגעגעבן —
איר זענט זיך טועה, נישט ביים טויטס פאַרעיפּושט לעבן!...
און וועט אַ שאָקל טון דעם קאָפּ אַ פריידצעשטראַלטער:
— אבער! ס׳האָט אָפּגענאַרט אייך הערשעלע דער אַלטער...

איז זיין משפּחה טרויעריק־פאַרשטאַרט געשטאַנען
און אויך צוגלייך מיט פּנימער צו שמייכלען גרייט.
נאָר פּלוצעם זעען זיי: אַ שאָטן לאָזט זיך שפּאַנען
און ווי אַ שוואַרצע דעק אויף שפּיגל זיך פאַרשפּרייט.
דער לעצטער שמייכל אויף זיין פּנים ענלעך ווערט
צום פויגל, וואָס פאַרפרוירן ליגט אויף קאַלטער ערד.
זיי האָבן זיך צעקלאָגט, אויף טרייסט נישט מער געוואַרט,
ווייל ווער געקענט האָט טרייסטן, איז געווען פאַרשטאַרט.

עס שלאָפט ר׳ ברוכל און קרעכצט פון שלאָף אַרויס.
ער זעט אַצינד אין חלום: הערשעלע גייט אויס.
ער וועקט זיך אויף פון שלאָף, צינדט אָן אַ ליכט געשווינדט,
נאָר אַז דאָס ליכט פאַרלעשט אַ סודותדיקער ווינט,
פאַרשטייט ער שוין, ר׳ ברוכל, די טייטש פון צייכן
און צינדט גלייך אָן אַ ליכט אַ צווייטס — נאָך הערשלס זכר.
די ליפּן שעפּטשען שטיל: זאָל זיין געבענטשט דער בורא,
נאָר אין זיין האַרצן ווינט און קלאָגט די מרה שחורה.

1930.

הערשעלעס מצבה

פ״נ — דאָ ליגט הערשעלע פון אָסטראָפּאָליע.
געשפּייזט זיין גוף מיט בולבעס, בוראַקעס, פּאַסאָליעס.
די בגדים זיינע — אָפּגעריסן-אָפּגעשליסן.
אַ ייד אַ חלוש — אויפגעהאַלטן זיך מיט נסים.
דאָס ווייב זיינס האָט געהאַט ביי אים אַ שווערע דאָליע —
פ״נ — דאָ ליגט הערשעלע פון אָסטראָפּאָליע.

אַ מלאך קומט צום רבין סודות צו דערקלערן.
די רענדלעך ביי דעם גביר אַלץ מערן זיך און מערן.
וואָס מער עס גריבלט זיך דער רבי אין דער תורה,
אַלץ מער פאַרזינקט ער אין דער שוואַרצער מרה שחורה.
וואָס מער עס ציילט דער גביר מיט רענדלעך-גאָלד די פּעסער,
אַלץ מערער ווערט זיין פּחד פאַר גזלנים גרעסער.
נאָר הערשעלען — אים ווערט אין חומש עפּעס קשה —
דער עברי-טייטש קלערט תיכף אויף אַלץ פּראָסט און פּשוט.
און ווער וועט דען דאָס גאָלד פון שמייכל זיינעם רויבן ?
פאַר יעדן איז עס דאָך געלעגן פריי פון אויבן.

דאָ ליגט דער קלוגער הערשל אונטער דער מצבה.
ער האָט פון הימל זיך אַרויסגעכאַפּט בגנבה
צו מאַכן פרייליך אַלע מענטשן אין די ליידן.
ס׳האָט גאָט נאָך אים געבענקט אין אומעט פון גן עדן,
געפּייניקט אים מיט נויט, ער זאָל די ערד פאַרלאָזן.
ס׳האָט הערשעלע זיך שטאַרק געווערט און נישט געלאָזן
און ערשט ווי אַ געיאָגט, מיד הינדל נאָכגעגעבן —
זיין שמייכל זאָל באַשיינען אונזער פינצטער לעבן.

.1930

א הונגעריקע שטוב

די קיך —
חלומט ווי אַ זקנה:
— אַך, ווען עמעץ וויל זיך
דערבאַרעמען:
אָן עמער קוילן,
אַ זעקל האָלץ,
די אַלטע ביינער צו דערוואַרעמען.

פון ווענט רייסן זיך טאָפּ און שיסל
מיט אָפענע מוילער
געשריי:
— שטילט אונזער הונגער,
לעשט אונזער דאָרשט.
אַביסל בולבעס ווילן מיר,
אַ לעפעלע באָרשט!

די בעטן
האָבן זיך איבערגעדעקט.
זיי קענען נישט צוזען,
וואָס עס טוט זיך
אַרום זיי.

נאָר די מענטשן שווייגן.
ווי פּחדנותדיק שווייגן מענטשן
אין זייער ווי.

1930

דער צוגעטראָגענער אנצוג

איך האָב פּאַר אָפּגעשפּאָרטן געלט געקויפט אַן אנצוג,
אַ צוגעטראָגענעם, אין איינעם פון די קראָמען.
ווער ס׳האָט אַמאָל געטראָגן אים אויף זיך אַ נייעם —
וואָס גייט דאָס מיך דען אָן, וואָס קימערט מיך זיין נאָמען ?

איך האָב פון אים אַרויסגענומען זיינע פלעקן,
אים אויסגעפּרעסט. די קנעפּלעך פעסטער צוגענייט.
באַקוקט זיך אינעם שפּיגל און דערזען מיין פּנים
אַ שמייכלענדיקס, אַ שיינענדיקס פאַר לויטער פרייד.

נאָר ווען איך האָב דערנאָך געוואָלט אין לאַץ פון רעקל
מיר צושפּיליען א בלימעלע אַ קליינס, אַ רויטס,
האָב איך אין טאַש, אין שכנות, אַ רעצעפּט געפונען
און האָב דערפילט דעם ריח פון שפּיטאָל און טויט.

און פּלוצעם — זענען הויזן פון דאָס ניי צעקנייטשטע,
די פלעקן אויפן רעקל — זעען זיך שוין ווידער.
און נישט דער העלער אנצוג, נאָר דער טויט דער שוואַרצער,
האָט מיר אַרומגעכאַפּט די ציטערדיקע גלידער.

בין איך פאַר זיך, ווי פאַר אַ פרעמדן מענטש געשטאַנען,
עס איז אַן אייביקייט אַוועק אין דער מינוט.
און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט : אויב איך וועל איצט אַ שפּיי-טון,
וועל איך מסתּמא אויך שפּייען גלייך ווי ער — מיט בלוט.

דער שמאַטעקלויבער

אויף יאָרן עלטערע, וואָס קען ער מער געפינען,
ווי אין אַן אנצוג, וואָס איז אַלט, צעפליקט פון מייז:
אַ קאַלענדאַרל פון די בלעטלעך אויסגעריסן,
אַ נישט-באַצאָלטן חשבון פון אַ קראָם פון שפּייז.

אין שענסטן חלום זעט ער נישט קיין נייעם בגד,
גלייך ווי ער זעט זיך מער נישט יונג אין יענער שעה.
די קנייטשן אויפן בגד קען מען נאָך פאַרפרעסן,
צו קנייטשן אויפן פּנים איז קיין הילף נישטאָ.

ביז איינמאָל וועט דער טויט, דער אַלטער שמאַטעקלויבער,
ווי ער אַצינד, זיך שלעפּן איבער גאַס און הויף
און שרייען, רופן מיט אַ הייזעריקער שטימע:
— העי, אַלטוואַרג! אַלטוואַרג! ביינער כלעריי איך קויף!

וועט שטיל זיך עפּענען אַ טירל פונם קעלער
און עמעץ וועט אַרויסדערלאַנגען אים, דעם טויט,
זיין בינטל אויסגעטרוקנטע, פאַרגעלטע ביינער
צונויפגעוואָרפן אין אַ זעקעלע פון הויט.

דער לעצטער באַלעבאָס

ס'האָט דער הונט זײַן האַר פֿאַרלוירן ערגיץ
און ער בלאָנדזשעט אום אין גאַס אַליין.
פּלוצים האָט ער אים דערזען אין טראַמוויי
און פֿאַר פֿרייד צעבילט זיך און צעוויינט.

ס'גיט דער הונט צו אים אַ שפּרונג אַ שנעלן,
נאָר ער ליגט שוין באַלד פֿאַרבלוטיקט רויט.
אויסגעשטרעקט די לאַפּעס מיט הכנעה
פֿאַר זײַן לעצטן באַלעבאָס — דעם טויט.

1929

נישט עפּעס אַנדערש

שוין האַלבער טאָג,
נאָר פּוסטע שטייען
טאָפּ און שיסל.
אין אונדזער שטוב
האָט נאָך קיינער
נישט איבערגעביסן.
די מאַמע זוכט
וואָס צו פֿאַרקויפֿן
אין דער שאַפֿע.
נאָר איך — איך זיץ און זוך
פֿאַר מיין ליד
אַ וואָרט און אַ מעטאַפֿער.

מוסרט מיך די מאַמע:
ווי קאָנסטו זיצן רויק
ביי דיינע גראַמען?

— אוי מאַמע, ווייס
און הער זיך צו:
איך טו נישט עפּעס אַנדערש,
ווי דו.

אויב דיר ווערט שווער,
וויינסטו זיך אויס
פֿאַר די ליכט.
רעדסטו אויס דאָס האַרץ
פֿאַר אַ שכנה.
אַזעלכע ווי איך,
איז באַשערט
זיך אויסצוטענה׳ן
און אויסצווויינען
פֿאַר דעם דרויסן —
דורך די צוויי און צוואַנציק
יידישע אותיות.

די זון גייט אויף אין מערב

איך האָב נאָך נישט געהערט דאָס קיינמאָל,
אַז ערגעץ נאָענט, אָדער ווייט,
זאָל כאָטש געשען אַ וואונדער איינמאָל —
די זון זאָל אויפגיין מערב-זייט.

וואָלט ווער מיט אָט דער נייַ׳ס געקומען,
וואָלט איך פון אים געווען געלאַכט.
ביז פּלוצעם האָט מען מיך גענומען
און אין דער טונקלער צעל געבראַכט.

און כ׳האָב געזען : די פענצטער אַלע
צו מערב זענען אויסגעדרייט.
אַז ס׳קען אַ שטראַל אין זיי ערשט פאַלן
אין אָוונט, ווען די זון פאַרגייט.

און ס׳איז שוין מער נישט קיין לעגענדע
און נישט קיין חלום אויף ווי לאַנג.
דער מענטש, איר זעט, קוים וויל ער, ענדערט
אַפילו פון דער זון דעם גאַנג...

גייט אויף די זון ביי אונז אין מערב,
גייט אויף שוין דאַן, ווען זי פֿאַרגייט.
ווען שאָטנס קריכן פֿון די שפּאַרעס
און אַלע זענען שלאָפֿן גרייט.

אַפֿיר דעם האָריזאָנט פֿאַרבאָרגן,
זי גיט צו אונז אַ לעצטן לאַך.
אייך אַלע ווינטשט זי היים : גוט מאָרגן !
נאָר אונז, ווי קאַלט : אַ גוטע נאַכט.

ברויט

פאַראַן דאָ מייסטערס גרויסע,
זיי מאַכן מיט די הענט
פיל זאַכן, וואָס געקענט
זיי האָבן אינעם דרויסן.

ס'איז וווּנדער צו דערציילן.
די סאַמע שווערסטע זאַך
ווערט דאָ פון ברויט געמאַכט :
סיי מענטשן און סיי כלים.

נאָר ס'איז די צרה טעגלעך :
אין תפיסה איז אַ נויט,
און מאַכן זיי אָן ברויט
פאַר קיינעם איז נישט מעגלעך.

וואָס קענען מיר מער מאַכן ?
מיר לייזן אויס פון טויט
דורך קנעטן פונעם ברויט
סיי מענטשן און סיי זאַכן.

נאָר ברויט, נאָר ברויט אונז געבן
און ס'ווערט די וועלט געבענטשט :
מיר לעבן אויף דעם מענטש
און פאַר דעם מענטש — דאָס לעבן.

דאס ליד פון פארן

מיר זיצן איבער מאַפּעס איינגעבויגן
און זוכן נייע לענדער איבער ימען.

ס׳מוז פאָרט נאָך ערגעץ זיין אַן אָרט אַ זיכערס
פאַר אונדזער ווייב און קינד און טאַטע-מאַמע.

מיט טויטע אויף בית עולמס זיך געזעגנט,
די לעצטע טרערן זיי אַוועקגעגעבן.

אַזויפיל האָבן מיר דאָ אויף בית עולמס
און וואָסער קליינעם חלק אינעם לעבן.

מיר ווילן פאָרן, פאָרן און מיר קלערן :
די ביימער אומבאַוועגלעך שטיין, ווי שווער איז.

ווייל וואָלטן מיר אַמאָל געוואָרן ביימער,
ווי ביטער וואָלטן דאַן געווען די פּירות.

מיר קוקן אויף די בערג מיט גרויסן חידוש :
זיי קענען פונעם אָרט אַוועק נישט שפּאַנען.

ווען מיר, חלילה, וואָלטן בערג געוואָרן —
מיר אַלע וואָלטן דאָך געווען ווולקאַנען.

נאָר בערג, דאָ שטייען רואיקע און פעסטע
און ס׳וואַקסן זיסע פרוכטן אויף די ביימער.

פאַר אונז קען אָבער טון די ערד אַ ציטער
און חרוב זאָלן ווערן אַלע היימען.

מיר זעען יעדע נאַכט אין טרוים : וואָקזאַלן.
די צוגן פאָרן, פאָרן. נאָר באַגינען

ביים אויפשטיין, ווען מיר זוכן יענע צוגן —
איז שווער אַפילו שינעם צו געפינען.

מיר זעען יעדע נאַכט אין חלום : האַפנס.
די שיפן שווימען, שווימען העל־באַזונטע,

מיט לידער, מיט מוזיק, מיט פאָנען בונטע.
באַגינען — גייען אַלע שיפן אונטער.

.1937

L'IMAGE



ביי דיין זייט

איך בין געוואָרן ביי דיין זייט אַנטשלאָפן
אונ זיך געזען צוריק,
ווי ביי דיין זייט איך ליג.
אין חלום האָב איך ווידער דיך געטראָפן.

ווי טרויעריק איך האָב דערוואַכט באַגינען.
איך האָב שוין שיר געמיינט,
אַז כ׳בין גאָר דאָ אַליין.
נאָר אין דער וואָר כ׳האָב ווידער דיך געפונען.

אָ זאָג: די וואָר, דער המשך פונם טרוים איז,
צי גאָר דער טרוים פון וואָר? —
ווער ווייסט. נאָר מיר איז קלאָר:
ביסט מיינע אויף דער וואָר און אין חלומות.

און שטענדיק וועלן זען שוין מיינע אויגן,
ווי דו פאַרבינדסט, אָ פרוי,
מיין וואָר און טרוים אַזוי
ווי הימל מיט דער ערד — דער רעגנבויגן.

דערוואַרטונג

דו ביסט אין פרעמדן לאַנד פאַריאָגט,
נאָר כ׳זע אין גאַס דיך יעדן טאָג.
קוים זע איך פון דער ווייט אַ פרוי,
וואָס איז ווי דו געקליידט אַזוי
און ענלעך די געשטאַלט, דער גאַנג —
פאַרגעס איך אינעם מרחק וואָס פאַראַן
איז צווישן מיר און דיר שוין לאַנג
און איילִיקער צו איר איך שפּאַן.

און איז עס גאָר אַ פרעמדע פרוי,
דאַן רעד איך שטיל צו זיך אַזוי:
דו גייסט אַהיים און ביי דער טיר
זי שטייט און וואַרט פאַרבענקט אויף דיר.
נאָר אַז איך טרעף דיך נישט אין הויז,
איך זאָג צו זיך: נישט זיי געקוועלט,
זי איז נאָר אויף אַ ווייל אַרויס —
צום אָוונט-ברויט האָט וואָס געפעלט.

און קומסטו נישט ביז אָוונט שפּעט,
פֿאַררוק איך זיך אין ווינקל בעט
און לאָז פֿאַר דיר געֿרוים אַן אָרט.
ווייל כ׳גלייב נאָך אַלץ: קענסט קומען פֿאָרט
און שטיל, אַז איך זאָל פֿילן קוים
אין בעט זיך לייגן ביי מיין זייט.

און קומסטו נישט — וועט דאַן דער טרוים
דיך ברענגען מיר, מעגסט זיין ווי ווייט.

שפורן

כ׳בין אַמאָל אַליין פֿאַרבענקט געגאַנגען
זוכן שפּורן אויף די וועגן
צו דעם גאָרטן, וואו מיר האָבן בײדע
וויפֿל מאָל זיך שוין באַגעגנט.

וויפֿל מאָל שוין זענען אַלטע גאַסן
ניי געוואָרן, נאָר צום שטוינען.
און די פֿרעמדע גאַסן — נאָענט און היימיש,
ווי מיר וואָלטן אויף זיי וואוינען.

ס׳האָבן גאַסן אונדז געפֿירט אַזוי־ווי
נאָך אַן אָנזאָג אַ געהיימען.
און די לעצטע האָט אונדז אָפּגעגעבן
צו דעם גאָרטן און די ביימער.

האָבן ביימער באַלד אַראָפּגעבויגן
איבער אונדז געדיכטע צווייגן.
און די פֿייגל, וואָס אויף זיך, באַפֿוילן
זען און הערן — און צו שווייגן.

יאָ, אויך מיר איצט שווייגן. הייסע קושן
ביידנס ליפּן פֿעסט פֿאַרקלעמען.
שטאַרקער ווי אַרום אַ בוים די קאָרע
האַלט איך דיך אַרומגענומען.

אָבער יעדע אונזערע באַוועגונג
מאַכט דער שאָטן נאָך מיט קנאה.
קען מען דען דעם בלייכן, דאַרן שכן
די הנאה נישט פאַרגינען ?

איצטער גיי איך זוכן אַלטע שפּורן,
בלאָנדזע אום און ווער פאַרפאַלן.
ס׳פירט איין גאַס מיך און אָט באַלד אַ צווייטע,
ביז מיך לאָזן איבער אַלע.

אַלע לאָזן איצט, ווי דו, מיך איבער,
בלייב איך שטיין פאַרשעמט, פאַרלוירן.
צו דעם גאָרטן כ׳וועל נישט גיין אַליין מער,
פאַר דעם גאָרטן האָב איך מורא :

כ׳בין אַמאָל אַליין אַהין געגאַנגען,
אונטער אונזער בוים געשטאַנען,
האָט פון מיר געשפּאָט אָט יענער שאָטן,
וואָס איז מיך געווען מקנא...

צו א ייִנגעלע

אָ ייִנגעלע, דו בענקסט
ווי איך אויך שטאַרק.
איך וואַרט פֿון איר אַ בריוו,
דו — אויף דער מאַרק.

אין יעדן בריוו, אַ פֿרוי,
מיר שטרעקט איר האַנט.
און דו — מיט יעדער מאַרק
נעמסט איין דאָס לאַנד.

נאָך יעדן בריוו, מיר דאַכט:
זי מיר געהערט.
און דו — אַז מלך ווערסט
אויף יענער ערד.

אָ זיי מיט חסד גורל,
איך בעט אַזוי:
נישט לאָז איצט גיין פֿאַרלוירן
אַ קינד זיין מלכות
און מיר — אַ פֿרוי.

דו ווינסט

דו ווינסט דורך מיין טרוים
אַריין אין דעם ליד :
— איך בין אויף דעם בוים
געווען נאָך בלויז צווייט,
אַז דיך האָט באַרוישט
מיין הייסער גערוך
און איבער דער נאַכט
גערייפֿט מיך אויף פֿרוכט.

אַן עפּל בין איך
געוואָרן אויף בוים.
דורך טעג און דורך נעכט
אַזוי זיך געטרוימט :
איך וועל נאָך ווי לאַנג
מיר הענגען אַזוי.
די שטראַלן פֿון זון,
פֿון הימל — דער טוי.
וואָס זיסער די זאַפֿט
און רויט דער קאָליר.
פֿאַר וועמען דאָס אַלץ ? —
נאָר טאַקע פֿאַר דיר.

נאָר די האָסט פון בוים
געטון מיך אַ ריס.
געשיילט און אַ וואָרף
געטון צו די פיס.
און אַלץ נאָר צוליב
אַן איינציקן ביס.

איצט זע מיך, אוי זע:
כ׳בין נאַקעט און הויל.
ווער שוואַרץ און ווער פריי
פאַר אַלעמענס מויל.
דער עפּל אָט דער
אַוועלכן די האָסט
געריסן, געשיילט
און הפקר געלאָזט.

די בין פליט צו
צו דער געפאַרבטער קווייט,
וואָס אויף דיין קלייד;
וויל זויגן זאַפט פון איר
אויף האָניק.
בין איך דען בעסער, איך —
וואָס האַלט דיין בילד פאַר זיך
און זויג פון אים
דערמאָנונג.

★

אין לעבן איז מיר אַלץ פֿאַרגאַנגען,
נאָר גאָרנישט איז פֿון דעם פֿאַרשווּנדן.
אַוועק שוין טאַקע די מלחמות,
געבליבן אָבער נאָך די ווּנדן.

און יעדן אָוונט, יעדן אָוונט,
רייסט אויף אין האַרצן מיר די בענקשאַפֿט
און זי צערייסט מיך און צעשפּריצט מיך
אויף טויזנט שפּליטער פֿון געדענקשאַפֿט.


שטויב

שטויב

פון יענער ערד, ווו כ׳האָב געלעבט
נישט מער פאַרמאָגט האָב איך,
ווי דאָס, וואָס האָט זיך צוגעקלעבט
צו מיינע שיך,

פון אַלע וועגן אומגעקערט
פון נאָך אַ טרויִם באַרויבט :
איך ווייס נישט אַלץ דעם טעם פון ערד,
נאָר פונעם שטויב.

אין שטעטל

אַ שטעטעלע. דער מאַרק. איך קום נאָר אָן.
דער פּלאַץ איז פול מיט אומרו און מיט יידן.
מען האָט מיך גלייך דערזען. איך בין אין קאָן.
אַרום מיר נעמט שוין רודערן און זידן.

מען האָט די פערד צום אָפּפאָרן געשפּאַנט,
אויף פורן ליגט דאָס אָרעם ביסל אייגנס.
נאָר ווו אַנטלויפט מען ? און אין וועלכן קאַנט
קען איצט אַ ייד זיך רואיק שלאָפן לייגן ?

זיי ווילן כ׳זאָל זיי געבן צו פאַרשטיין
און אפשר האָב איך אויך אַ גוטע עצה.
נאָר אָט קומט באַלד אַ יידענע צוגיין,
זי טראָגט אַ שאַל אַ בלאָען אויף דער פּלייצע.

זי מאַכט אַ פרייען וועג זיך דורך דער גאַס
און הייבט אָן צו דעם רעדל יידן טענה׳ן :
— לאָזט אָפּ דעם יונגנמאַן, איר זעט דאָך, אַז
קוים שטייט ער אויף די פיס אויף זיינע !

זי רייסט מיך פֿון דעם אומגליק־ראָד אַרויס
און נעמט מיך איבער קרומע געסלעך שלעפּן.
אָט זיץ איך אויפֿן גאנעק פֿון איר הויז
און זי דערלאַנגט מיר רויטן באָרשט אַ טעפּל.

איך זופּ דעם באָרשט. זי זיצט און קוקט זיך גלייך
זי וואָלט געזופּט דעם באָרשט מיט מיר צוזאַמען.
און איך האָב נישט געוווּסט ווי איך בין רייך,
אַז כ׳האָב אין יעדן שטעטעלע — אַ מאַמע.

ארמאַוויר *)

אַרמאַוויר!
זיי וויסן: נאָך אַ ווינט
געקומען איז צו דיר.
עס איז אַ פרעמדער ווינט,
וואָס האָט זיין היים
פאַרלאָזן.
ער בלאָנדזעט איצט
דורך ווייגנערטנער, אַרבוזעס
און אַבריקאָזן.
ער וואַקלט זיך פאַרשכורט
פון סטעפ און וויין.
אָ נעם אים אויף
און נעם אים איין!

אַרמאַוויר!
געעפנט האָסט צום סטעפ
דיין טויער און דיין טיר.
איך יאָג און שטרויכל
און פאַל אָן כחות
פאַרמאַטערט.
נאָר דיינע ווינטן
זיי זענען דאָ
באַלעבאַטים!
זיי ווילן קיינעם שוינען:

*) אַ שטאָט אין קאַווקאַז.

זיי רייסן לאָדנס,
זיי שמייסן טייכן
מיט הארטן רוט.
און אין די אָדערן
פון יונגע מיידן
צעברויזן זיי
דאָס בלוט !

ארמאַוויר !
פון יעדן הויז
איך שפּיר
דעם ריח פונם ווייַן.
איז ווייניק דיר דער ווינט,
וואָס דו באַגערסט
נאָך שכורער צו זיין ?
נאָר מיר זיך דאַכט :
אין יעדן פאַס און פלאַש
ליגט נישט פאַרמאַכט
קיין ווייַן וואָס רינט.
נאָר ס׳ליגט אין זיי פאַרפּרעסט
דיין הייסער, אומרואיקער
ווינט !

נאכט

די כאַטעס שטייען פינצטערע און בלינדע.
(דעם שונא׳ס עראָפּלאַן נישט זען זאָל ליכט).
דער הימל אָבער האָט אָן שרעק אויף זיך
געלאָזן אַלע זיינע שטערן צינדן...

די פרויען זעען ווי די מענער פאַלן
פון שונאס הענט — און שרייען פונעם שלאָף.
נאָר שטיל און רויק שלאָפן זיך די שאָף,
די פערד און די בהמות אין די שטאַלן.

אַ פויער קומט צופאָרן אויף אַ וואָגן —
ער האָט באַגלייט דעם זון אין קריג זיך שלאָגן
און אָנגעטרינקען זיך פאַר ווי מיט ווייז.

אין ברונעם הענגט זיך אויף אַ ראָד אַן עמער.
ער וויל נישט מער פון ברונעם וואַסער נעמען —
ער איז איצט שכור פון לבנה-שיין.

קאַווקאַז, 1941

קאווקאז

א. די זון

באַגינען, האָט אַ ווינט פֿון אַלע עקן
צונויפֿגעטריבן כמאַרעס און פֿאַרשמידט זיי שטאַרק.
זיי לאָזן זיך אַראָפּ, דער הימל איז זייער קאַרג —
זיי ווילן אויך מיט זיך די ערד פֿאַרדעקן.

עס דאַכט זיך : זיי פֿאַריאָגן וואָלט אַפֿילו
פֿאַר זיבן זונען אויבן אויך געווען צו שווער.
און נישט געקענט וואָלט אויך פֿון אונטן, פֿון דער ערד,
צעטרייבן זיי די פֿרומסטע, הייסטע תּפֿילה.

נאָר פּלוצעם — זענען ליכטיקער די כמאַרעס,
די שטראַלן-שפּיזן שטעכן דורך זיך שפּאַרעס,
זיי ווערן ברייטער און דער הימל העכער ווערט.

אַוועק אויך כמאַרעס פֿון דער ערד — די שאָטנס,
דער זון איז אויפֿן הימל אַליין געראָטן,
איז זי אַצינד אַראָפּ פֿאַרנעמען אויך די ערד.

ב. דער הונט

עס שפּילט דער הונט זיך רואיק אויף זיין ערטל,
ער שפּילט זיך מיט אַ שטראַל, ער שפּילט זיך מיטן עק.
אָט ציט ער אויס די לאַפּעס, לייגט זיך פויל אַוועק —
אַ קעצעלע, וואָס פּיעשטשעט זיך און צערטלט.

נאָר מיטאַמאָל — טוט ער אַ ביל מיט צאָרן,
אין זיינע אויגן צינדן פייערלעך זיך אָן.
די נעגל ווערן לענגער, שאַרפער יעדער צאָן —
ניין, נישט קיין הונט, ער איז אַ וואָלף געוואָרן!

ער וואַרפט זיך אויף די הינער מאָרדן, רויבן!
די שרעק האָט וועלכע הון אַרויפגעהויבן,
די אַנדערע — אַנטלויפן, יאָגן אין גאַלאָפּ.

דער הונט איז ווילד. דער הונט האָט איינגעביסן
אַ הון דעם האַלדז, דעם קאָפּ איר אָפּגעריסן,
און ס׳יאָגט די הון אַ וויל נאָך ווייטער אָן דעם קאָפּ.

ג. די מיידן

נאָך הענגט ווי אַ צעגליטע פֿאַן דער הימל.
די מיידן זענען מידע פֿון דער היץ און פֿויל.
עס רירט אַפֿילו זיך ביי זיי די צונג אין מויל,
די הענט, די פֿיס, נאָר פּונקט ווי אין אַ דרימל.

זיי זענען ווי פֿון מעשהלע דעם שיינעם,
וואָס ווערט באַשריבן ערגעץ אין אַ קינדער־בוך,
געוואָרן איינגעשלעפֿערט דורך אַ כשוף־שפּרוך
און אויפֿצוּוועקן זיי געלונגט נישט קיינעם.

נאָר ווי די זון אין מערב איז פֿאַרשוווּנדן,
האָט זי אין זייער בלוט זיך אָנגעצונדן —
עס גייט אויף און עס ברענט אַ זון אין יעדערס ברוסט!

זיי נעמען זיך צו יונגען פֿון קוים זעכצן.
אין קוסטעס הערט זיך שעפּטשען... קושן... קרעכצן...
עס פֿלאַקערט ווי אַ שייטערהויפֿן יעדער־קוסט!

דער שפּאַרבער

נאָך שניט. פּול זענען שייערן און זעק.
איצט ווילן זייערס פֿויגל און אינזעקט:
דאָס קליינע שפּערל, מיינענדיק נאָר דאָ
אַ כאַפּ-טון קערנדלעך אויף חיי שעה.
צי גאָר די מוראַשקע, וואָס קלערט אויף ווייט:
זיך צו פֿאַרזאָרגן אויף אַ שלעכטער צייט.

די הינער האָט מען פֿונם הויף צעלאָזט.
דאָס יונגע מיידל טאַניע, פֿון קאָלכאָז,
זיי פֿירט נאָך קערנער איבער וויטן סטעפּ.
זי זינגט אַ ליד און פֿלעכט זיך אירע צעפּ.
די הינער זוכן קערנער נאָך דעם שניט,
און איך — די טענער פֿון איר זיסן ליד.

נאָר וואָס האָט פּלוצעם אויפֿן סטעפּ פּאַסירט? —
די הינער האָבן אַ געפֿאַר דערשפּירט
און וועלכע לויפֿט אין פּחד, וועלכע — פֿליט!
אַנטשוויגן מיטאַמאָל דעם מיידלס ליד.
דאָס מיידל הייבט אַרויף דעם קאָפּ, ווערט בלייך:
— אַ שפּאַרבער פֿליט! אַ שפּאַרבער אין דער הייך!

דאָס מיידל, וואָס געזונגען האָט פֿאַרשייט,
ווי אַנגסטיק און ווי יעמערלעך זי שרייט.
וואָס מיינט דאָס מיידל מיט איר ווילד געשריי?
זי ווינקט צו מיר. איך ווייס שוין און פֿאַרשטיי.
איך טו אויך אַ געשריי. און נאָך. פֿונסניי.
און וואונדער זיך אַליין: ווי שטאַרק איך שריי!

ווי שטאַרק איך שריי, ווי אויסטערליש און פֿרעמד.
איך האָב מיין שטים אַליין נישט מער דערקענט.
נישט פֿונם האַלדז נאָר דאָס געשריי מיר קומט.
עס איז געוויין, געקלאָג, געוואָי, געברום
פֿון אינגעווייד, פֿון מיין געביין און בלוט.
זיי האָבן לאַנג געוואַרט אויף דער מינוט!

דער שפּאַרבער, וואָס געלאָזט האָט זיך אַראָפּ,
מיט זיינע נעגל גרייט צו טון אַ כאַפּ
אין קרבן — שרעקט זיך איבער און אַנטלויפֿט.
די הינער קלויבן ווידער זיך צונויף.
און יעדע הון, אין קערן, וואָס זי פּיקט —
געפֿינט איר לעבן פֿון דאָס ניי צוריק.

דאָס מיידל דריקט מיין האַנט מיט אירע צוויי:
איך האָב געהאָלפן איר מיט מיין געשריי
דעם שפּאַרבער אָפּצושרעקן פאַר דעם מאָרד.
נאָר באַלד שטייט זי שוין ווידער אויף איר אָרט
אינמיטן פון די הינער און פאַרציט
פונסניי דאָס פריילעכע און שיינע ליד.

דאָס מיידל זינגט, נאָר איך — איך שטיי און וויין.
ווען ס׳האָט דער שפּאַרבער טרעפנדיק מיין היים,
די נעגל אין די נאָענטסטע געשטעקט —
האָב איך זיי נישט געשיצט. איך בין אַוועק
און אָפּגעראַטעוועט זיך בלויז אַליין. —
דאָס מיידל זינגט, נאָר איך — איך שטיי און וויין.

פרעמדער פרילינג

אַ גאָרטן, ווי אַ וואונדער-מעשה!
אויף ביימער בליען בליטן ראָזע.
עס וועלן מיינע ציין באַלד בייסן
די רונדע, רייפע אַבריקאָזן.
ווי האָניק וועט זיך אינם מויל מיר
אַ זיסע זאַפט צעלאָזן.

די ווייַנשטאָקן צעוויקלען בלעטער
אַרויף די ווענט און איבער שויבן.
ווי בינטן גליק דאָ וועלן שפּעטער
נאָך הענגען גרויסע שטענגלעך טרויבן.
איך פיל דעם וויין שוין אויף מיין גומען,
כ'וויל זינגען און וויל לויבן.

נאָר ווען איך זע די ווייַנשל-ביימער
אין ווייסן וואונדער זיך צעצוויטען —
וואַקסט אויס פון זיי מיין ווייטע היים מיר.
וויי מיר! איך בלייב גלייך שטיין פאַרציטערט,
און ס'ווערט דער זיסער וויין מיר זויער,
די אַבריקאָזן — ביטער.

דער וועג צוריק

אָ, מדבר זאַמדיקער ביז האָריזאָנטן!
אין מיר רירט עפּעס און דערמאָנט מיך.
און עפּעס נעמט זיך צינדן
נאָך ווייטער פונעם וויטסטן
אין מיר:
די קינדהייט —
די קינדהייט פון די זיידעס.
איך זאָל דאָ זוכן שפּורן?
איך זאָל דאָ פרעגן עדות?
האָט זיך מיין קינדהייט נישט געוויגט
אויף האָרבעס פון אַ קעמל?
דערקענט מען נישט אויף מיר
פון דעמלט
סימנים
בעת מיין רעדן
און אויף מיין פּנים?

אָ, מזרח!
נעם-אויף אַ זון
אַ לאַנג-פאַרלוירענעם.
איז וואָס, אַז איך בין אַ געבוירענער
אין ערגעץ אַ מדינה?
איך האָב די זאַפטן נישט געזויגן
פון יענע פעלדער גרינע,
נאָר בלויז די מילך
פון מאַמעס דאַרע ברוסטן.
מיין היים שטייט דאָרט אַ פּוסטע
אינמיטן חורבות.

און אָן אַ העמד
און באָרוועס.
בלויז מיט דעם וואָרט פון יושר,
וואָס ברענט מיר אויפן גומען,
איך קום איצט, ווי איך בין צו דיר
אַמאָל, אַמאָל געקומען.

טאַשקענט, 1941.

דעקטיכער

די מיידלעך בלייבן מיר אַזוי צום זכר:
אַ העלער שמייכל אויף דער טונקלער באַק.
די זון האָט אָפּגעבאַקן זיי געשמאַק,
פון אויבן נאָך אַביסל צוגערייכערט...

פאַראַנען אָבער פּנימער פאַרשטעלטע
מיט דיקן דעקטוך, אויסער זייער הויז.
מען זאָגט מיר אָבער, אַז דאָס זענען בלויז
שוין פרויען — אָפּגעלעבטע און פאַרעלטערט.

עס וואָלט אַזוי געדאַרפט אויך תמיד זיין:
די שיינקייט, ווען ס׳נעמט טונקלען שוין איר שיין
און וויאַנעט אין דעם שפּעטן האַרבסט פון יאָרן —

דאַרף ווערן צוגעדעקט. זי זאָל נישט פרעך
פון אונדזער אַלטקייט זיין פאַרשעמט, פאַרשוועכט,
נאָר בלייבן ביי דער פראַכט אין דעם זכרון.

פרויען ווארטן

עס וואַרטן די פרויען אויף ברויט
און פירן אַ שמועס דערביי.
קומט אונטער אַ שטילער דער טויט
און שטעלט זיך מיט זיי אין דער ריי.

איין פרוי האָט איר זון איצט דערמאָנט,
אַ צווייטע — דערציילט פון איר מאַן.
זיי זענען גאָר ווייט אויף דעם פראָנט
און זענען מיט זיי אויך פאַראַן.

הערט אונטער דער טויט זיך צום שמועס:
— מיין מאַן איז אַוועק אין אַרמיי.
איך שטיי ביי דעם פענצטער מיט וויי
און קוק אויס אַ בריוו, צי אַ גרוס.

נאָר ברענגט מען אַ בריוו מיר אַמאָל
דאַן קומט אויך די מורא אין מיר:
צי שרייבט ער נישט פונם שפיטאָל? —
איך שרעק זיך צו עפנען די טיר...

די צווייטע: זאָל קומען צוגיין
מיין זון אָן אַ פוס, צי גאָר בלינד.
נאָר זאָל ער כאָטש קומען אַהיים —
ער וועט סייווי בלייבן מיין קינד.

די דריטע אין האַרצן זיך זאָגט:
— עס דויערט און דויערט די שלאַכט.
ס׳איז שווער פאַר די מענער דער טאָג,
נאָר שווער פאַר די פרוי איז די נאַכט...

ווי יעדע פון זיי איז פאַרטראַכט,
פאַרענדערט די ריי זיך אויף גיך:
פון טויט איז געוואָרן אַ סך
און יעדע אים זעט שוין פאַר זיך!

זיי קוקן פאַרגאַפט אויף דעם טויט
מיט אָפּשיי, מיט שרעק און מיט וויי.
ביז מ׳הערט דעם פאַרקויפערס געשריי:
— איך האָב שוין באַקומען דאָס ברויט!

צעצינדט זיך ביי יעדער אין אויג
און טוען אַ ריס זיך פון פלאַץ.
איין פרוי איז געוואָרן אַ צויג,
אַ צווייטע — צערייצט ווי אַ קאַץ.

מיט נעגל, צי גאָר מיט די ציין
באַקומען מוז יעדע איר ברויט!
אין ווינקל נאָר שטייט זיך אַליין
פאַרשעמט און באַליידיקט דער טויט...

באלאדע פון טאפאל

אין שטאָט טאַשקענט, אויף גאַס פון נאַוואָי,
דאָרט וואַקסט אַ טאָפּאָל. פון דעם אינדערפרי

שוין ברענט די זון אים תאוהדיק די קרוין,
נאָר ער — ער דרימלט און ער זעט אין טרוים

אַ שטערן. אַלע שטערן זענען שיין,
נאָר אים, בלויז אים, דער טאָפּאָל ליבט אַליין.

און קומט די נאַכט, דער טאָפּאָל שטיל זיך וועקט
און צו דעם שטערן בענקנדיק זיך שטרעקט :

— דו שטערן גאָלדענער, וואָס איבער מיר,
אוי קום אַרויס, כ׳גיי אויס נאָך דיין באַריר !

דאָ אונטן שטיי איך אָן די בלעטער — הויל,
דאָ אונטן — אַך, ווי שטויביק און ווי פויל.

איך שטיי דאָ אָן אַ שוץ און קומען מעג
דער וואָרעם, אָדער גאָר די האַק און זעג —

מיך קימערט נישט דאָס אַלעס. גלייב מיר, גלייב,
ווייל איבער אַלעמען מיין קאָפּ איך הייב

צו דיר ! און מעג אַפילו דער אריק
אַזויפיל זינגען וועגן ערדיש גליק —

עס לאָקט מיך קיינמאָל נישט זיין כשוף-שטום.
און ווייטער שעפּטשעט ער מיט ווײ צו אים:

— ווי פֿאַמעלעך איך וואַקס דאָ אין דער הויך!
איך וואָלט געוואָלט כאָטש זיין אַ זייל פֿון רויך,

וואָס שטייגט צום הימל שנעל אַזוי אַרויף,
און אויב אַפֿילו דאַרטן קומט מיין סוף

און אין די כמאַרעס ס׳לעבן איך פֿאַרליר —
זאָל זיין. אַבי דאָרט אויבן לעבן דיר!

און ס׳גייען טעג. און טאָג נאָך טאָג עס ברענט
אַ זון אַ הייסע אין דער שטאָט טאַשקענט.

נאָר נאַכט נאָך נאַכט צעשייינען זיך אויך דאָ
די וואונדער-שטערן אויפֿן הימל-בלאָ.

און שווער איז פֿאַר דער זון פֿאַרשטיין אָט די,
וואָס בענקען שוין צו שטערן אינדערפֿרי.

ביז איינמאָל אין אַ טאָג פֿון חודש מאַי,
ווען מענטשן זענען זיך געגאַנגען פֿריי

אין ווייסע קליידער, ווייסע שיך און היט,
די ביימער אָפּגעשיט מיט ווייסן צוויט.

די מענטשן און די ביימער, אַלע : ווייס,
האָט מיטאַמאָל געטון זיך אַ באַוויַיז

אַ שוואַרצער פלעק — אַ וואָלקן. באַלד שוין שטייט
דער גאַנצער הימל אין אַ שוואַרצן קלייד.

דער גאַנצער הימל — שוואַרץ און ווייס — די ערד,
און צווישן ביידע — מיטאַמאָל זיך הערט

אַ שטורעם ! פון דער וויסטעניש אַרויס.
ווי ווילד ער וואָיעט ! ווי ער ברומט און ברויזט !

ער איז פון מדבר און אַהער געשיקט
אין מדבר צו פאַרוואַנדלען אַלץ צוריק.

דער קאָפּ — צעשויבערט, טרייסלענדיק דעם גוף
דער טאָפּאָל מיט התלהבות שרייט און רופט :

— אָ שטורעם ! כ׳האָב געחלומט פון דעם טאָג,
אויף הענט מיך נעם און צו די שטערן טראָג !

דער שטורעם טוט אויף אים אַ בייזן ברום,
אַ שליידער זיך אויף אים, אַ נעם אַרום.

דער טאָפּאָל — זיינע צווייגן האָט צעשפּרייט
גלייך ווי אַ פויגל וואָס צו פליען גרייט

אַרויף, צום שטערן, וואָס ער האָט באַגערט —
און פֿאַלט אַראָפּ אַ טויטער אויף דער ערד !

און מיט דעם שטערן, וואָס האָט נאָך פּאַסירט - —
די שטערן זענען שיין, מען ווערט פֿאַרפֿירט —

נאָר זענען קאַלט. און אַז אַ טאָפּאָל פֿאַלט,
איז וואָס ? עס הייבט זיך באַלד אַ יונגער וואַלד

פֿון טרוימערישע טאָפּאָליעס הויך צו זיי.
נאָר מיר, דעם דיכטער, טוט פֿאַר יעדער וויי.

ליד צו די טריט

ביז דו ביסט, טריט, געוואָרן מיר באַקאַנט:
דער טאַטע פלעג מיך נעמען פאַר דער רעכטער האַנט,
די מאַמע — פאַר דער לינקער. אינדערמיט,
פלעג איך זיך לאָזן מיט די שוואַכע טריט.
דערנאָך אַליין געפּרוווט דעם גאַנג:
זיך האַלטן ביי דעם בעט, ביים טיש, ביים שאַנק.
געטון אַ פאַל — אַ הויב, אַ פאַל — אַ הויב,
ביז כ׳האָב זיך אויפגעהויבן פונעם שטויב,
ביז כ׳האָב געשטעלט מיין יעדן שפּאַן
גלייך ווי אַ זיגל אויף דער ערד: איך בין פאַראַן.

כ׳האָב פעסט געשטעלט די טריט אויף ערד,
ווייל כ׳האָב געקלערט:
ווו כ׳האָב די טריט געשטעלט,
איז דאָרט מיין היים, מיין וועלט.
נאָר אַך, די ערד האָט אונטער מיינע טריט
גענומען ברענען, און ווי דינאַמיט
האָט אויפגעריסן אונטער מיר
דאָס אַלץ, וואָס ס׳האָבן מיינע פיס באַרירט.

איך האָב זיך דאַן געלאָזט אין ווייטן וועג,
געגאַנגען דורך די נעכט און טעג.
אין קינדער-מעשׂות גייען העלדן גיך,
נאָר ווו זענט איר, איר כּשוף-שיך,
וואָס אייער יעדער שפּאַן האָט זיבן מייל די לענג?
אַזעלכע שיך האָט קיינער מיר געשענקט.

איך האָב געפילט ביים גיין
דעם שטרויכל פון איעדן שטיין.
די הייך פון דעם אַספאַלט,
דעם פייכטן מאָך פון וואַלד.
דעם שטויב פון שליאַך.
דעם פראָסט פון נאַכט.
געוואָרן אָפגעצייכנט איז פון ערד די קויל
גלייך ווי אַ קאַרטע אויף מיין זויל.

ווייל ווען ס'איז באַשערט
צו מעסטן מיטן ראָד דעם שטח פון דער ערד.
דעם הימל — מיט די פליגל, און דעם ים —
מיט זעגל צי מיט דאַמף.
נאָר איך — איך בין פאַרמשפט און איך מוז
דאָס גאַנצע לעבן גיין צופוס.
באַצאָלן פאַר דעם אַלץ וואָס לעבן גיט —
מיט טריט, ביז צו דעם לעצטן טריט.

איך ווייס נישט פון קיין חוב.
פאַר יעדן שטייגן באַרג-אַרויף,
פאַר יעדן ווייטער — אַלע מאָל
מיט טריט, מיט אייגענע באַצאָלט.
און ביז עס וועט מיין זון פאַרגיין,
וועל איך מסתם אַזוי שוין גיין
און פון מיין וועג צוריק — קיין טריט.

און אַלע גוטע מענטשן נעם איך מיט.



רויך

א.

ס׳איז נישט געווען דער רויך פון כאַטע אין אַ דאָרף: אַ שטי־לער און אַ גלייכער.

אַ ווינט אַ מילדער פירט אים פונעם קוימען ביז צום הימל און עס מאַכט פון אים דער הימל באַלד אַ טייל פון זיך: אַ בלאָען וואָלקן.

ב.

ס׳איז נישט געווען דער רויך פון אַ פאַבריק אין שטאָט: אַ פעטער, אַ געדיכטער.

ער גייט אַרויף און ווערט צעשוומען, אָבער אונטן לאָזט ער איבער וואוילשטאַנד, רייכקייט: שטאָפן, מעבל און מאַשינען.

ג.

און דאָס איז נישט געווען דער רויך פון אָסיענדיקן כאָר: אַ זעטיקער, אַ פוילער.

אַ רויך פון בלעטער פון אַראָפּגעשיטע, וואָס עס שאַרט צונויף דער גערטנער אין אַ הויפן און פאַרברענט זיי, ווען עס האָבן שוין דיביימער אָפּגעגעבן זייער פרוכטן־שפע.

ד.

נאָר דאָס איז יענער רויך פון קרעמאַטאָריע־קוימען — פייער־דיק און בלוטיק — פון מיין מאַמען, מיינע ברידער און מיין שוועסטער.

דער רויך, וואָס שטענדיק זע איך אויפגיין אים פון יעדער כאַטע און פאַבריק און יעדן בלעטער־הויפן האַרבסט אין גאָרטן.

איך קום אהיים

דאָס הויז מסתּם וועט זיין דאָסזעלבע.
איך וועל דעם טויער טון אַן עפֿן :
אַקעגנקומען וועלן שכנים,
נאָר מיינע נאָנטע כ׳וועל נישט טרעפֿן.

איך וועל אויך זען דאָס אַלטע מעבל,
די מענטשן אָבער — זענען פֿרישע.
עס שלאָפֿן פֿרעמדע אין די בעטן
און פֿרעמדע עסן פֿון די טישן.

ווען איך וועל צוגיין צו דעם פֿענצטער,
וועל איך זען דאָרטן אַ וואַזאָנע.
און אויף דער וואַנט וועט שטיל זיך הענגען
אַ פֿרומע, שטומע די איקאָנע.

אין ווינקל וועט זיך שטיין אַ וויגל,
אין וויג — אַ קינד מיט בלאָע אויגן.
בנעימות פֿון אַ גרינעם שטייגל
אַ וויגליד זינגט דעם קינד אַ פֿויגל.

צי הערן זיי נישט אין דעם צימער
דאָס שלייכן, שאָרכן שטילע שאָטנס ?
צי פֿילן זיי נישט אין דעם צימער
דאָס וויען קבֿרים קאַלטע אָטעמס ?

נאָך וורשט מיט קרויט און שטאַרקן בראָנפן,
זיי שלאָפן רואיק זיך אײנצווייען.
נאָר וועקט זיך נישט אַמאָל דאָס קינד אויף
פון חלום זיינעם מיט געשרייען ?

קוים וועקט זיך נישט דאָס קינד אַפילו,
דאַן ווערט דער פויגל נאָך אַ ווראָנע.
וועט אָנזאָגן דעם טויט און אומקום
די צוויי, דעם קינד און דער איקאָנע !

אַ באָמבאַרדירט הויז

זיי האָבן ליב געהאַט די צימערן באַצירן,
די ווענט באַמאָלן מיט פאַרשידענע קאָלירן
און אויף די ווענט דערצו נאָך אויפהענגען פון אויבן
די בילדער פון די עלטערן, פון זיך און קרובים.
געלאָזט מיט ווילדן וויין פאַרוואַקסן די באַלקאָנען,
אַוועקגעשטעלט אויף פענצטער טעפלעך מיט וואַזאָנעס
און איבער פענצטער ווייסע פירהענגלעך פאַרצויגן —
פאַרשטעלן דאָס אינטימע פאַר די פרעמדע אויגן.

און האָט אַמאָל צעבראָכן זיך אַן אַלט שטיק מעבל,
געדאַכט האָט זיך : עס איז אַ חלק פונעם לעבן,
מיט וויפל שטייגער ס׳איז פאַרבונדן אין זכרון !
זיי האָבן אַלץ געגרייט דאָ אויף חדשים, יאָרן :
אַ גאַנצן זומער האָבן דאָ געפּרעגלט פּרויען.
אין שאַפעס זענען זיך געשטאַנען בוטלעס, סלויען
מיט ווייַנפּערלעך, מיט ווייַנשל, אַגרעס און מאָרעלן,
אויף שמחות, אויף יום-טובים פאַר די געסט צו שטעלן.

זיי האָבן דאָ געהאַט חלומות און פאַרלאַנגען.
עס האָט אין הויז אַ יונגע פרוי אַ קינד געשוואַנגערט
און שטיל געפּרעגט זיך : ווֶעמעס אויגן ס׳קינד וועט ירשן,
די בלאָע — אירע, צי דעם פאָטערס שוואַרצע קאַרשן.
און ס׳איז געווען דאָס הויז אַן האַפן. דאָ, פונדאַנען
די קינדער פלעגן שווימען איבער ווייטע ימען
אין הייסע לענדער צו די קאַרליקעס און ריזן.
אויף יעדער פאָסטמאַרק האָט באַלד לעבן זיך באַוויזן.

די טירן זענען דאָרט געווען ווי מײַלער גרויסע,
ס׳האָט יעדע זיך געעפֿנט און געוואָלט פֿון דרויסן,
וואָס מער צו זיך פֿאַרשלינגען אין די שטיבער.
עס האָט אַ זקן דאָרט געחלומט און געפֿיבערט :
עס וועט צום ערשטן מאָל געשען אַ נס... כאָטש איינמאָל...
און ער וועט לעבן, לעבן און נישט שטאַרבן קיינמאָל...
נאָר ס׳איז דער טויט געשטיגן העכער אַלץ און העכער
און ס׳לעבן איז אַראָפּ באַהאַלטן זיך אין לעכער.

די מענטשן פֿלעגן הערן דונערן מיט אימה :
עס שלײַדערט גאָט זײַן בליץ אין מענטשן און אין ביימער.
און ווען עס האָבן שוואַרצע כמאַרעס זיך געזאַמלט,
האָט באַלד דער מענטש פֿאַרציטערט אַ געבעט געשטאַמלט.
ביז אויפֿגעקומען איז צום סוף אַ מענטש אַ רעטער,
וואָס האָט באַצוווּנגען די אַכזריות פֿון געטער.
נאָר ווער פֿאַרהיט דעם מענטש פֿאַר אַנדערנס רציחה
און ווער וועט געבן אים און קינד אַן אָרט אַ זיכערס ?

עס האָט דאָס הויז נישט אויסגעמיטן דער געוויטער.
אַ באָמבע איז געפֿאַלן און ס׳האָט אויפֿגעציטערט
דאָס אַלץ וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט זייט לאַנגע יאָרן.
און אַלץ, וואָס איז געווען מיט שלעסער פֿעסט באַוואָרנט
און זאָרגפֿעלטיק אַזוי פֿאַרצערטלט און פֿאַרטוליעט —
איז מיטאַמאָל געוואָרן הפקר ! אַז עס הוליעט
זיך ווילד-פֿאַרשייט אַרום דער ווינט אַ נישט געשטערטער
און לאָזט זיך דאָרטן וווּלגיין אין אינטימסטע ערטער.

פּיל יאָרן זענען ווענט געשטאַנען און געשוויגן,
ביז פּלוצעם האָבן זיך צעבונטעוועט די ציגל,
געטון אַ ריס זיך פון די ווענט, אַ יאָג, אַ שליידער:
קוים קענט איר, מענטשן, אייער גורל מער נישט מיידן
און קענט דאָס הויז פון אַ סכנה נישט פאַרהיטן —
טאָ לאָזט אייך דאָ באַגראָבן, לאָזט אייך דאָ פאַרשיטן,
ביז קומען וועלן יענע, וואָס מען וועט געטרויען
די קינדער און די פרויען און אונדז ווידער בויען.

און פון דעם גרויסן הויז, וואָס איז צושטערט, צעריבן,
אַ האַלבע וואַנט, אַ נאַקעטע, איז בלויז געבליבן,
און אויף דער וואַנט (וואָס פאַר אַ וונדער!) הענגט אַ שטייגל.
דאָרט שפּרינגט אַ פויגל, ווי משוגע, אויף אַ צווייגל
און עפּעס זינגט ער, עפּעס קלאָגט ער, עפּעס טענה׳ט.
איך קאָן דאָ מער נישט שטיין, איך מוז אַוועק פונדאַנעט,
ווייל ס׳נעמט מיר דאַכטן: איך אַליין, איך אַליין גאָר בין עס
דער פויגל, וועלכער קלאָגט דאָ צווישן די רואינעס.

אין חלום

נישטאָ אין דער שול שוין קיין מתים מער,
ווי ס׳האָט זיך די קינדהייט געמאָלן.
עס זענען די שולן דאָ שוין צושטערט,
איצט זוכט זיי ביינאַכט נאָר אין חלום.

ס׳איז יעדער מיין חלום אַ טויטע וועלט.
עס קומען צו מיר ביז צו איינעם:
דער טאַטע, די מאַמע, די ברידער, פריינט,
די קרובים, אַפילו די שכנים.

איך זוין ווי אַמאָל אין דעם זעלבן הויז,
מיר זיצן און עסן איין מאכל.
איך רעד און איך ראַט זיך מיט זיי פאַרטרויט:
אַזויפיל געמיינזאַמע זאַכן.

נאָר קומט דער באַגינען, דאַן ווערט מיר שלעכט,
איך וועק זיך מיט שרעק און אין שווייסן:
ווי ווייַ איז צו מיר. דורך די אַלע נעכט
איך לעב אין אַ וועלט פון בלויז מתים.

טאָ זוכט נישט די מתים שוין מער אין שול,
די שולן שוין לאַנג זיי צעמאָלן.
אויך אויף די בית עולמס מער זוכט זיי נישט —
איר טרעפט זיי ביינאַכט נאָר אין חלום.

געוויין

ס׳פֿלעג מײַן מאַמע פֿרײַטיק בענטשן ליכט.
מיט די הענט פֿאַרשטעלן דאָס געזיכט
און מיט תּפֿילה צו די ליכט געווענדט.
און האָט זי געלאָזט אַראָפּ די הענט
נאָך אַ ווײַל אַזוי פֿאַרגליווערט שטיין,
איז דאָס פּנים אירס געווען פֿאַרווײנט.

כ׳האָב געשטוינט און האָב געפֿרעגט בײַ זיך:
וויאַזוי באַקומט די מאַמע גיך
און צו יעדער צײַט אין אויג די טרער?
וויפֿל זי וויינט, האָט זי אין אויג אַלץ מער.
ס׳טרעפֿט, מיר ווילט זיך וויינען אויך אַמאָל,
ווען די גרויסע וויינען: אין שפּיטאָל,
בײַ אַ טויטן, אָדער ווען איך וויל
פֿון דער מאַמען קריגן וואָס צום שפּיל,
צי אַ פֿרישע פֿרוכט, וואָס קאָסט צופֿיל.
רק איך קוועטש די אויגן און איך רײַב,
נאָר דער גלאַנץ אין זיי ווי פֿריער בלײַבט.
איינמאָל האָב איך טאַקע צוגעטראַכט
און די אויגן קונציק נאַס געמאַכט.
נאָר מען האָט דערקענט, פֿון מיר געלאַכט.

אָבער איצט, איז מיר דערפאַר שוין גוט:
שליס איך צו די אויגן אַ מינוט,
פון דער היים דער חרובער איך קלער —
קען פון זיי נישט בלויז די בלייכע טרער,
נאָר אויך בלוט אַ טייך זיך טון אַ גאָס!

ס'איז מיט בלוט אויך דאָ מיין יעדעס אות.

אַ ייִדישע פֿרוי

פֿון יעדער גאַס און דאַך
איז שוין דער שניי אַוועק.
די פֿרוי האָט זיך באַטראַכט
אין שפּיגל און האָט קלאָר
אין אים דערזען מיט שרעק:

אויף אירע שוואַרצע האָר
געבליבן איז דער שניי.

זי עפֿנט יעדע שאַנק
און זוכט אַ קלייד אין זיי.
זי האָט געקליבן לאַנג
אַ קלייד און האָט דערזען:
עס איז אויף איר צו גרויס.
אַ צווייטס — און האָט דערזען:
עס איז אויף איר צו לויז.
אַ דריטס — און האָט געזאָגט:
— אָ גאָט, ווי זע איך אויס!

און טרויעריק, שטילערהייט,
זיך אויסגעטון דאָס קלייד.

אַזוי טוט אויס אַ בוים
אין האַרבסט די בלעטער-קרוין
און איז צום ווינטער גרייט.

ווילדער ווייַן

געווען אַמאָל אַ הויז,
וואָס האָט זיך יעדן אינדערפרי
צום לעבן אויפגעעפנט
אין מי.
און יעדן אָוונט
אין זיך פאַרמאַכט
אויף איבער נאַכט
די ליבע.

אַראָפּ אַ באָמבע
איז אויפן הויז.
און ס׳איז שוין ווידער בלויז:
ציגל,
דומם —
אוים.

דעם ווילדן וויין
איז גלייבן שווער,
צי וועט נישט זיין
דאָרט לעבן מער?
ער וואַקסט אַריין
ווי ביז אַהער.

אויף וועגט זיך ציט
און זאָגט אַזוי:
אַרום אַלץ בליט,
דער הימל — בלוי.
איך וואַקס און שטייג
אַרויף — אַרויף.
און דו נאָר שווייגסט —
דערוואַך, לעב אויף!

נאָר שטיל. דאָס הויז איז טויט.
פאַרברענט.
פאַרלענדט.
געשענדט.

ווי טרויעריק איז
די לעבעדיקע בלעטער
אויף טויטע ווענט.

שלום עליכם

װען פֿרײטיק פֿלעג מײן ברודער
אַהײמגײן פֿון דער שול,
דאָס האַרץ זײַנס מיט מנוחה
און מיט נגינה פֿול.
און ס׳האָט אױף אים געװאַרט אַ טיש
מיט חלה, פֿלײש און פֿיש —
באַגלײט אים האָבן טרײ
מלאכים דרײ.

נאָר װען מען האָט מײן ברודער
אין פֿראָסט און װינט
פֿון װינטער-טאָג,
געהײסן די מלבושים אױסטון,
און מיט געשרײען און מיט הינט
דערנאָך אים
צום גאַז געיאָגט —
װוּ זענט איר דאַן געװען
איר דרײ מלאכים ?

אײן מלאך בלױז
האָט זיך באַװיזן —
דער מלאך פֿונעם טױט.
נישט װי ער איז באַקאַנט
אין פֿאָלק פֿון לאַנג :
אַ בײניקער סקעלעט אָן פֿלײש און הױט
אין מיט אַ קאָסע אין דער האַנט.

נאָר פעסט און שלאַנק,
מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן,
פון וואַלדיק-ווילדן שטאַם.
און ס׳האָט געווייעט פון זיין מויל
מיט סם.

ווי ס׳האָט מיין ברודער אים דערזען,
האָט ער פאַרביילט די הענט,
די ציין פאַרקוועטשט,
און אָפּגעווענדט
דאָס פּנים זיינס דאָס בלייכע.
און נישט געוואָלט,
ניין, נישט געוואָלט
אים זאָגן שלום עליכם.

א מינוט שווייגן

צום זכר פון די טויטע קדושים

מיר שווייגן אַ מינוט.
אין אָט דער שטילקייט הער איך רוישן
און זידן זייער בלוט.

איך פיל אַ ווינט אַ קאַלטן ווייען
און הער געהיימע טריט.
אָ זעט, אָ זעט: די טויטע גייען
אַריין אין אונזער מיט.

זיי גייען שוין פון אַלע וועגן,
ווי גרויס איז זייער צאָל.
איך שטאַרב אין אָט דער איינער רגע
שוין זעקס מיליאָנען מאָל.

און זיי — זיי לעבן אויף גלייך ווידער
אויך זעקס מיליאָנען מאָל.
די שוועסטער מיינע און די ברידער
פון טיפן ביינער-טאָל.

זיי שטעלן זיך אַוועק פון פאָרנט,
פון הינטן, רעכטס און לינקס.
געפאַנגען זענען מיר געוואָרן
פון טונקלען טויטן-רינג.

דער רינג נעמט ענגער נאָך זיך שמידן,
מיר קאָנען נישט אַרויס.
ווער לעבט באמת פון די יידן
און ווער איז שאָטן בלויז ?

די טויטע זענען מער נישט שאָטנס,
פאַרגאָזט אין גרויסער פיין.
זיי אָטעמען מיט אונזער אָטעם,
וואָס מיר איצט האַלטן איין.

זיי זוכן, קוקן זיך באַזונדער
אין יעדנס פנים איין.
ס׳האָט ווער געפונען, וואָסער וואונדער —
אַ קרוב, ווער — אַ פריינט.

דער רוב געפינט שוין דאָ נישט קיינעם
פון אַלע נאָנטע מער,
וואָס זאָל געדענקען, צי באַוויינען
אַמאָל זיי מיט אַ טרער.

צי ביי דער וועלט נקמה מאָנען
פאַר זייער הייליק בלוט. —
זיי אַלע — לאָמיר איצט דערמאָנען
אין דער געדענק-מינוט.

אַ בריוו

דו חבר פֿון די קינדער־יאָרן,
דו, וואָס קענסט מיך שוין ווי לאַנג.
אוי קום צו מיר, אוי קום צופֿאָרן,
ווייל כ׳בין קראַנק און מיר טוט באַנג...

ווייל ביסט דער לעצטער, ביסט נאָר איינער
פֿון אַמאָל מיר היינט צו טאָג.
עס וויל נישט גלייבן דאָ מיר קיינער,
וואָס איך רעד און. וואָס איך זאָג.

אוי קום דורך לענדער און דורך ימען,
עדות זאָג פֿאַר גרויס און קליין,
אַז מיך געהאַט האָט אויך אַ מאַמע
און איך שטאַם נישט פֿון אַ שטיין...

אַז ס׳האָט די וויג, ווו כ׳בין געלעגן
ברידער פֿינף פֿאַר מיר געוויגט.
און אַז די טאַטע־מאַמע פֿלעגן
רופֿן מיך : „דאָס זעקסטע גליק״...

אַז כ׳האָב געהאַט אַ היים — אַ פֿעסטונג,
מיט אַ באַלקן אונטער דאַך.
איך פֿלעג צו אים פֿאַרטאָג זיך מעסטן,
ווי געוואַקסן כ׳בין דורך נאַכט...

אַז כ׳האָב געשפּילט זיך און דערצויגן
מיט די חיות פונעם הויז:
מיט הונט, מיט קאַץ, מיט ציג און פויגל —
די משפּחה, קיינהאָרע גרויס!

געהאָרכזאַם אַלע — אין דער רגע
אַלע שטענדיק אויפן פּלאַץ!
און אָוונט פלעגט פאַר מיינעטוועגן
כאַפּן גרילן גיין די קאַץ.

איז מיר לבנה נישט געפעלן,
(ס׳איז איר פּנים געל און גרין).
פלעגט קענען איר דער הונט זיך שטעלן
בילן, בילן — ביז באַגין.

פלעגט טשעפּען מיך אַ קינד נגידישם —
ס׳נעמט אויף הערנער אים די ציג!
דער פויגל ווייסט, וואָס כ׳רעד אויף יידיש,
ענטפערט מיר צוריק, טשיריק...

און עדות זאָג, אַז מיינע אויגן
איצטער גרא — געווען בלאַ.
און קנייטשן אויף געזיכט צעצויגן,
זענען נישט פון תמיד דאָ.

ווייל כ׳האָב געשפּילט מיט קינד פון חבר,
ס׳האָט געקוקט אויף מיין געזיכט
און מיך געטון אַ פרעג טשעקאַווע:
— ביסט געווען אַ קינד ווי איך?

כ׳האָב נישט געענטפערט, כ׳האָב געשוויגן,
ווייל ס׳האָט פּלוצעם מיר געדאַכט:
אַז זאָגן „יאָ" וועט זיין אַ ליגן —
און געזאָגט: אַ גוטע נאַכט!

אַוועק אַהיים און אָנגעהויבן:
— קום מיין חבר, קום געשווינדט!
און זיי מיין עדות, וועלט זאָל גלויבן,
און פאַר אַלץ — מיין חברס קינד...

עלעגיע צו יידיש

יאַק יידיש — טאָ דאָיידיש
(פון אַ פאָלקסליד).

עס האָט מיין מאַמע מיך געלערנט רעדן,
איך בין נאָך דאַן געווען גאָר קליין און שוואַך.
פון דעמלט האָב איך שוין גערעדט צו יעדן,
נאָר קיינער האָט געוואָלט פאַרשטיין די שפּראַך.
זי איז געווען צו פּשוט און ירידיש —
זי האָט געלערנט מיך צו רעדן יידיש.

אַ האָן אַפילו פרייט זיך, ווען באַגינען
אים ענטפערט אָפּ אַ קרייען ווי ער וויל.
אַ הונט מאַכט אויך אַ פריילעכערע מינע
ביינאַכט, בעת אים ענטפערט אָפּ אַ ביל.
ווי קען דען זיין פאַר עמעצן אַ חידוש,
ווען איך וויל הערן רעדן אויף מיין יידיש ?

און כאָטש אַזוי, ווען ס׳קומט אַ וואָרט אַ גאַסיקס,
באַשמעק איך עס, פאַרזוך עס, פרוו עס לאַנג.
און טאָמער פעלט מיר אוים אַ וואָרט אַ פאַסיקס,
ביז איך געפין עס נישט בין איך ווי קראַנק.
ווייל נישט ירידיש, נאָר געלייטערט לידיש,
ווייל איך זאָל ווערן יעדעס וואָרט פון יידיש.

און אָפּט מיר דאַכט : די טאַטעס און די מאַמעס
פֿון דייטשע הענט אין אויוונס אומגעבראַכט —
זיי לעבן ווייטער נאָך מיט אונז צוזאַמען
און ווילן שטאַרבן ערשט מיט זייער שפּראַך.
דעריבער זאָגט נישט קדיש, נאָר מאַכט קידוש,
בעת איר עפֿנט אויף אַ בוך אויף יידיש.

ווי לאַנג ? מען קען פֿאַרשידן
אַן ענטפֿער געבן. אָבער איך — איך שווער :
ס׳וועט יידיש דויערן ווי לאַנג ס׳וועט זיין
אין מיינע אָדערן דער מאַמעס טרער.
ביז דו, נשמה, צו דיין רו דאָ ייִדיש —
און דאָס וועט זיין מיין לעצטער גראַם צו יידיש.

אינהאלט:

	זייט
אותיות	7
קינדהייט	
ביים בוידעם שטייט אַ לייטער	11
דער ווונדערלעכער פרימאָרגנגאַנג פון מיין מאַמען	13
דערציילט די מאַמע	15
דער קראַנקער טאַטע און זיינע נייע שיך	17
מיר זענען קינדער געווען	19
דער פאַרלוירענער באַלעם	21
קינדהייט	23
אַ לויב דער שוואַלב	
האַרבסט	27
אַ לויב דער שוואַלב	28
בערג	29
אין די בערג	30
צו די בערג	31
צו אַ ביימעלע	32
וואַסערפאַל און באַרג	33
דער פאַרדאַרטער צווייג	34
צו	36
פון פאַרשידענע צייטן	
דער אָטעם	39
חגא אין שטאָט	40
דער נייער מענטש	41
דאָס קעצל און די מילב	43
רעקאָנוואַלעסצענט	45
בערד	48
הערשעלעס טויט	50
הערשעלעס מצבה	51
אַ הונגעריקע שטוב	52
דער צוגעטראָגענער אָנצוג	53
דער שמאַטע-קלויבער	54
דער לעצטער באַלעבאָס	55
נישט עפעס אַנדערש	56
די זון גייט אויף אין מערב	58
ברויט	60
דאָס ליד פון פאָרן	61

זייט

ליבשאַפט

בײַ דײַן זײַט — — — — — — 65
דערוואַרטונג — — — — — — — 66
שפּורן — — — — — — — — — 68
צו אַ ייִנגעלע — — — — — — — 70
דו ווײַנסט — — — — — — — — 71
*** — — — — — — — — — — 73
*** — — — — — — — — — — 74

שטויב

שטויב — — — — — — — — — 77
אין שטעטל — — — — — — — 78
ארמאוויד — — — — — — — — 80
נאַכט — — — — — — — — — 82
די זון — — — — — — — — — 83
דער הונט — — — — — — — — 84
די מיידן — — — — — — — — 85
דער שפּאַרבער — — — — — — — 86

זייט

פרעמדער פרילינג — — — — — — 89
דער וועג צוריק — — — — — — 90
דעקטיכער — — — — — — — — 92
פרויען וואַרטן — — — — — — — 93
באַלאַדע פון טאָפּאָל — — — — — 95
ליד צו די טריט — — — — — — — 99

רויך

רויך — — — — — — — — — — 103
איך קום אַהיים — — — — — — — 104
אַ באָמבאַרדירט הויז — — — — — 106
אין חלום — — — — — — — — — 109
געוויין — — — — — — — — — — 110
אַ ייִדישע פרוי — — — — — — — 112
ווילדער ווײַן — — — — — — — — 113
שלום עליכם — — — — — — — — 115
אַ מינוט שווײַגן — — — — — — — 117
אַ בריוו — — — — — — — — — 119
עלעגיע צו ייִדיש — — — — — — 122